STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02862

DER GROYSER GERANGL

Chaim Schwartz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„דער גרויסער געראנגל"

פון

חיים שוואַרץ

ארויסגעגעבן פון

שטאָט קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן

לאָס אנדזשעלעס, קאַליפאָרניא

1943

"DER GROISER GERANGL"

By

CHAIM SCHWARTZ

Published by
City Committee International Workers Order
Los Angeles, California

1943

DEPENDABLE PRINTERS
2510 BROOKLYN AVE.
LOS ANGELES, CALIF.

דער גרויסער נעראַנגל

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

די פען — מיין שווערד

די פען אין מיין האַנט —
אַ בליץ־שאַרפער שווערד ;
דאָס העל־ווייס פּאַפּיר —
די צעוויכערטע ערד.

איך שמיד און איך שלייף
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט :
קיין כח ג ע ק אַ ר ג ט,
קיין מי ניט געשפּאָרט.

איך קלייב און איך מעסט,
איך ו ו ע ג און איך צ י י ל ;
צעשטעל זיי אין ריי
און ווידער צעטייל.

זיי אַלע פ אַ ר א י י נ ט
איין ציל בלויז, איין ז י ן :
עס ליכטיקט פאָרויס
דער קלאָרסטער „וואוהין ?"

עס פלאַקערט אַ וועלט
אין פלאַמען פון קריג —
איך שיק יעדן וואָרט
און באַפעל אים : צ ו ם ז י ג !

ס'איז בלוטיק די שלאַכט,
דער ג ע ר אַ נ ג ל איז גרויס ;
עס שאַלט אין דער נאַכט
דער געוואַגסטער „פּ אָ ר ו י ס !"

ביז מענטשלעכער צער
וועט פֿאַרשווינדן, ווי שוים ;
ביז גליק וועט ניט זיין
בלויז אַ ליכט־ווייטער טרוים ;

ביז הענקער וועט שטיין
באַ דער שטראָפּענדער וואַנט,
און פריי וועט די מי
זיין פון שאַפנדער האַנט . . .

און איבער דער ברייט
פון פריידיקער ערד
וועט זינגען פון ז י ג
מיין פען — מיין שווערד.

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

סטאַלינגראַד

אָ, וועלט, דו וועלט,
פאַרגאַפטע און דערשטוינטע,
מיט אויערן צו סטאַלינגראַד געווענדט:
ס'האָט קיינמאָל נאָך אַ שטאָט,
פון שלאַכטן אַ פאַרברוינטע,
מיט ג ב ו ר ה ניט געגעבן אַזאַ בלענד!

און וואָס עס זאָל ניט זיין
פון איצט און ווייטער,
קריץ אויס, אָ וועלט, אויף אייביג אין דיין ברוסט:
ביז וויטסטן דור וועט ה ע ל ן
א ו י ס ג ע ל י י ט ע ר ט
פון וואָלגע-שטאָט דער שייטערדיקער גרוס!

און וואו זאָל איך,
אין שעה פון שטאָלענע פאַרמעסטן,
ווען פלאַמען שליידערן צום הימל-הויך די ערד,
געפינען ס'ו ו אָ ר ט,
דעם דיכטערישן פעסטן,
וואָס זאָל די ש ע ה די איצטיקע זיין ו ו ע ר ט?

ווייל, זע, אַ זע:
עס רייסן זיך די פלאַמען
צו אונזער א י י ג ן ה ו י ז פון יענעם ראַנד...
און ווי צו די,
וואָס ווילן איצט פאַרזאַמען
די ג י כ ע ה י ל ף צו אויסגעשטרעקטער האַנט!

ס'איז סטאַלינגראַד
די ו ו אָ ג ש אָ ל פון געשיכטע:
דער פרילינג פון דער וועלט זיך צאַפלט איצט אין קאַן!
איז ווער וועט וואַגן,
אין שעה'ן אויפגעריכטע,
צו זאָגן: כ'האָב גענוג אָט א י צ ט געטאָן?

די שווערד, וואָס שיצט
אַ־יעדן פּלויט און טויער,
און יעדע ציגל־וואַנט אין סטאַלין־שטאָט,
אויך אונזער טאָג
באַשיצט פון טרויער,
פון שרעק פאַר תּליות — אונזער טראָט.

אָ, וועלט, דו וועלט,
פאַרגאַפטע און דערשטוינטע,
מיט אויגן־בליק צום וואָלגע־ברעג געווענדט:
זאָל אויך ביי אונז, —
מיט רייכטימער געקרוינטע, —
די שווערד מיט גבורה טאָן אַ בלענד!

חיים שווארץ

דאָס ליד פון נקמה

„מיר וועלן נעמען נקמה פאר דאָס פארגאָסן בלוט" — וו. מאָלאָטאָוו.

1

שלאָג, ברודער, שלאָג! ס'איז פאַראַנען פאַרוואָס,
פון אַלץ איז נקמה איצט ליבער;
פארלאָרן האָט גליאיקער האָס יעדע מאָס
און שוימט אלע ברעגן אריבער.

מיט טויטלעכן סם אין פאַרעטער'שער ברוסט
האָט פיינט אויף דיין לאַנד זיך פאַרמאָסטן;
מיט סוואסטיקא-פאָן האָט פאַרציען געגלוסט
פון הימלען — דעם הימל דעם ק ל א ר ס ט ן.

פארהילטע אין פלאַמיקן רויך פון געפעכט —
די שעהען פון דיינע מעת-לעתן;
די העלקייט פון דיינע צעשטערנטע נעכט
געוואָלט האָט דער שונא פארלעשן.

פון ערדן פון אַלע — די רייכסטע מיט ז ע ט
געגרייט האָט זיך מאָנסטער פארצוקן...
נאָר דו ביזט, מיין ברודער, ארוים אין געוועט
און ברעכסט זיין געפאַנצערטן רוקן!

דורך הארץ פון דיין לאַנד האָט דער מערדער געצילט
אין ה א ר ץ פון דער ו ו ע ל ט צו דערלאַנגען;
פארטויבן געוואָלט מיט זיין הינטיש געבריל
די זוניקסטע פרידן-געזאַנגען.

ער האָט זיך פארנומען אויף גרויליקן וועג
פון פלינדער פון רויב און רואינען,
נאָר דו האָסט געשוואָרן: אין ברויז פון געשלעג —
זיין סוף זאָל ער איצטער געפינען!

2

שלאָג, ברודער, דעם, וואָס מיט שמוציקן טראָט
געוואגט האָט דיין ערד צו באַרירן ;
געוואגט האָט צו ברעכן מיט העסלעכן שפּאָט
פון היימען די פרידליכע טירן.

זאָל שטאַרקער פון שטאָל זיין דיין מעכטיקע פויסט,
און פלינקער פון פייער־ראַקעטן ;
אָט דער, וואָס פאַרשוועכט האָט דעם שוועל פון דיין הויז,
זאָל קיינמאָל קיין שוועל ניט באַטרעטן !

אָ שלאָג, ברודער, שלאָג ! פאַר פאַרשוועכן דיין מי,
דעם יום־טוב פון פריידיקן בויען ;
זאָל טרעפן דיין קויל, דיין פלאַמיקער ברי,
ביז שונא אין גסיסה וועט וואָיען.

די קללה פון לענדער שוועבט איבער זיין קאָפּ, —
ער מוז פאַר זיין רשעות באַצאָלן ;
אָט דער, וואָס אין תהומען פון מאָרד איז אַראָפּ,
זאָל ווערן צעשטויבט און צעמאָלן !

פאַר יעדן פאַרנומענעם שפּאַן פון דיין לאַנד,
פאַר כאַטעס און פלויטן וואָס ברענען, —
באַצאָל אים איצט, ברודער, מיט קרעפטיקער האַנט :
אין צווייען, אין פירען, אין צ ע נ ע ן !

3

ס'איז טיף דיין זכרון, אַ פאָלק, ווי דער ים —
און גאָרנישט געשענקט זאָל אים ווערן :
פאַר קינד, וואָס האָט אויסגעהויכט אָטעם און פלאָם,
פאַר נפש — אין מוטערס געדערים ;

פאַר מוטערס געוויינען און טרערן דורך נעכט
אויף קינד, וואָס אין וויג ווערט דערוואָרגן ;
פאַר רויבן פון עופה'ל דאָס הייליקע רעכט
צום לעבן, צום זוניקן מאָרגן ;

פאַר פאָטער און זון, וואָס דעם פיינטס באַיאָנעט
האָטביידן פאַראייניקט אין גסיסה...
צעשווינג איצט דיין שווערד און זיין שאַרבן צעפּלעט,
זיין מאַרך זאָל אויף שטיין זיך צעגיסן!

מיט פלאַמיקן בעזים ראַם אויסעט דעם שמוץ
פון לאַנד און פון לענדער אין קייטן;
פאַר דעם, וואָס די ערד האָט מיט קברים באַפּוצט,
אַ פינצטערן קבר פאַרגרייט א י ם!

זאָל טויזנט מאָל שטאַרק זיין דיין העלדישע מי
אין שעהען פון שאַרפסטן געוויטער —
אין טעג פון צערעכענונג זאָלן די קני
ניט געבן קיין איינציקן צ י ט ע ר!

און העל זאָל די לויטערע ברכה פון מענטש
אין בלענד פון דיין שווערד איצט זיך שפּיגלען;
נאָר דעם, וואָס האָט פלאַמען פון טייוול געבענטשט,
זאָל אייביקער חשך פ אַ ר ז י ג ל ע ן!

4

און ווי איז צו יענע אויף דייטשישער ערד,
וואָס האָבן דעם פּלינדער געקראָגן;
אויך זיי וועט ניט שוינען פון מאָנונג דער שווערד
אין שיין פון צעבלויטע פאַרטאָגן.

נאָר דו, וועמעס אָטעם נאָך ווארעמט אַ פונק
פון דייטשלאַנדס דערהויבענעם נ ע כ ט ן;
און וועמעס פאַרגוואַלדיקטע ליפּן און צונג
דער פיינט ניט געקאָנט האָט פאַרקנעכטן;

אָט דו, וואָס דו ווילסט ניט מיט נאַצישן פלעק
באַצירן דעם אייגענעם שטערן, —
אַ פלוך זאָל אַ הילך טאָן פון דיר צו די ה ע ק,
וואָס גלאַנצן מיט אָפּשיין פון טרערן!

צעעפן מיט צארן געפּענטעטן מויל,
וואס ב י ז א י צ ט האט וואונדיק געשוויגן,
און שמעטער דעם ר א ס י ש ן בנין פון גרויל,
די טורעמס פון בלוטיקן ליגן!

שטרעק אוים — א באנייטע מיט גלויבן — דיין האנט
און רוף צו דערוואכונג דיין ברודער;
אף כוואליעס פון האס זאל די שיף פון דיין לאנד
צו פרייהייט א קער טאן דעם רודער!

און אפּמעקן זאלסטו אויף אייביק די שאנד,
דעם נאצישן פלעק פון דיין נאמען;
און אויפגיין זאל ווידער א טאג אויף דיין לאנד
פון העלערע, פ ר י י ע ר ע ז א מ ע ן!

חיים שוואַרץ

אליאָשאַ שענקאָ

פּאָעמע

פון פּאַרטיזאַנען־קאַמף אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

(דער 12־יאָריקער אינגל אליאָשא שענקאָ איז פארברענט געוואָרן פון די נאַציס ווייל ער האָט ניט געוואָלט אויסזאָגן וואו עס געפינען זיך די פּאַר־טיזאַנען פון קאָלווירט „קיראָוו". — פון די ציַיטונגען).

1

אַ טאָג נאָך אַ טאָג האָט זיך בלוטיקע ערד
מיט פלאַמיקע צונגען צום הימל געריסן;
אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט האָבן העלישע ציין
דעם חושך פון חלל געלעכערט, געביסן...

אַ טאָג נאָך אַ טאָג האָבן פליגל פון שטאָל,
ווי חלפים, דעם הימל אויף פּאַסן געשניטן;
פון טויזענטער פלאַמיקע מיילער צעפּראַלטע
געפּלייצט האָבן קוילן אויף „קיראָוו" צעבליטן.

אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט, ווי חלומות פון שרעק,
האָבן קולות געריסן די וועלדער פון דרימל...
דער פיינט האָט געוואַגט און מיט טויט זיך באַוועגט,
און מיט טויט האָט געשפּיגן אָן אויפהער דער הימל...

באַשיצט איז געווען יעדער שוועל יעדער שפּאַן:
ניט געוואָלט האָט דאָס פאָלק זיך מיט „קיראָוו" צעשיידן;
נאָר אויב שיידן זיך מוז מען — זאָל צאָלן דער פיינט,
זאָל שלאַכט־פעלד מיט שונאס הרוגים זיך קליידן.

אַוועק זיינען טאַטעס פון קיראָוו קאָלכאָז,
אַוועק זיינען יונגען אין וואַלדיקע הייל:
פון דאַנען — פון צווישן די ביימער און גראָז, —
וועלן שפּייען מיט טויט פּאַרטיזאַנישע קוילן.

2

האַלבע נאַכט. ס'טריפט דער חושך פון הימל אַראָפּ
און אומעטיק קוקן ארונטער די שטערן...
עס שאַרן זיך טריט... עס וויגט זיך אַ קאָפּ
מיט אויערן צאַרטע — פאַרשאַרפט צו דערהערן...

ווער שלייכט זיך אין נאַכטיקער שעה דורכן פעלד
איבער סטעזשקעס פאַרטייעטע שטומע?
ווער זוכט עס אין שאָטנס פון נאַכט אַ געצעלט,
און רו — איבער וועגעלעך קרומע?

ניט קיין רו פון געצעלט, ניט קיין מאַמעס אַ שוים,
זוכט אַליאָשא, צוועלף־יאָריקער אינגל;
עפּעס טייערס און ליבס, עפּעס מעכטיקס און גרוים,
שטויסט אליאָשען פון היימישן ווינקל:

יעדעס מאָל, ווען עס ברעכט זיך די נאַכט אויף דער העלפט,
און פאַרפייניקטער דאָרף ליגט אין שאָטנס געבונדן,
און דער פריינטלעכער ווינט איבער טיר, איבער שוועל,
קושט צערטלעך די טליענדע וואונדן, —

זיין מאַמעס געלעגער אליאָשא פאַרלאָזט
און שלייכט זיך ארוים אינם נאַכטיקן דרויסן;
פון כאַטע צום פלויט און פון פלויט אינם גראָז
ווערט אליאָשא אויף פליגל פון אימפעט געשטויסן...

ס'ווייסט קיינער אזוי, ווי אליאָשא, צום וואַלד
דעם פלאָנטער פון קרומע פאַרשלייערטע וועגן;
געניט איבער זיי שוועבט זיין אינגלש געשטאַלט —
די נאַכטיקע שאָטנס די פוס־טריט פאַרדעקן...

3

אין וואַלדיקע טיפן, פון ביימער באַשיצט,
איז וואַך און עס לעבט פאַרטיזאַנישער לאַגער —
ס'האָט יעדער אין האַרץ דאָ אזוינס אויסגעקריצט,
וואָס קיין נאַצישער שווערד וועט ניט קאָנען צעהאַקן.

אהערצו דערטראָגן אליאָשען די טריט
און ס׳גריסט אים זיין ברודער, זיין שכן און חבר;
עס גריסן אים הענט פון נקמה צעבריט,
עס גריסן דיביימער דעם אינגל דעם בראַוון.

אליאָשא גיט איבער, אליאָשא דערציילט,
אליאָשא צעוויקלט די דאָרפישע וואונדן . . .
אָ, ברודער, אָ, חבר! עס ווערט ניט פארהיילט
דער וואונדיקער פלאַם, וואָס דער פיינט האָט צעצונדן.

אָ, ברודער, אָ, שכן! איך ברענג דעם געוויין
פון גאַסן פאַרשטומטע, פון פלויטן פארשוועכטע;
דעם וויטאָג פון איטלעכן ברעטל און שטיין
פון רויכיקע היימען צעשטערטע . . .

אליאָשא דערציילט . . . עס פאַרנעמט אים דער וואַלד
און ס׳ביילן זיך שטייף פאַרטיזאַנישע פינגער;
ס׳צעבליט ווי אַ בוים זיך אליאָשאס געשטאַלט
מיט צער׳פולע אויגן, וואָס מאָנענדיק דרינגען.

פון אַלץ ווייסט אליאָשא און ברענגט עס אהער . . .
וואַכט אויף אין דער נאַכט פאַרטיזאַנישער לאַגער;
ס׳וועט קומען די שעה — וועט מעכטיק און שווער
דער צאָרן דערלאַנגען דעם שונא אין נאַקן . . .

אליאָשאַ דערציילט... און צוועלף-אינגלשע יאָר
זיך האָבן נאָך קיינמאָל אזוי ניט געעלטערט;
ס׳וועט קיינמאָל דער שונא באַזיגן א דור,
וואָס געבראַכט האָט אַזעלכע אויף וועלטן!

דערזאָגט האָט אליאָשא וואָס ער האָט באַדאַרפט;
דער בלאַסער פאַרטאָג איז צום וואַלד שוין געקראָכן;
אוועק איז אליאָשא . . . אין האַרץ האָט אַ האַרף
געצאַפּלט מיט בענקשאַפט צום ברודער, צום שכן . . .

4

ניט איין נאַכט באַגריסט האָט אליאָשאַן דער וואַלד,
ניט איינמאָל האָט וואַלד־דופט געזועטיקט זיין אָטעם;
און אָפט האָט דער שונא געצאָלט פאַר׳ן ג אַ נ ג
פון קיראָוו־קאַלכאָז ביז׳ן וואַלדיקן שאָטן.

ביז איינמאָל: באַלאַדן מיט פריידיקן גליק
האָט אליאָשאַ געפּלאַטערט צום דערפל צום טאַטן.
ווער בעסער נאָך ווייסט, ווי אליאָשאַ, דעם וועג
פון וואַלדיקן טיף ביזן שוועל פון זיין כאַטע?

פאַרטאָגיקער ווינט האָט געקושט זיינע האָר,
פאַרטאָגיקער דרויסן צעפלאַמט האָט זיין פּנים;
צוועלף פרילינגס אין ב ל י פון סאָוועטישער ו ו אָ ר
מיט האַס האָבן איצטער געגליט צו די שונאים.

עס איילן די טריט איבער פעלדיקן גראָז,
דאָס האַרץ מיט די טריט — אין פיבער־געוועטן;
ער טראָגט אין זיין ברוסט אַ ליכטיקן כוס
מיט וואַלדיקע סודות, וואָס טרייסטן און גלעטן...

ס׳איז פלינקער פון ווינט, און געהיימער — זיין גאַנג,
עס גריסט שוין אליאָשאַ׳ן פון דעכל דער קוימען...
אַ שפּרונג איבער פּלויט... עס פאַרשטומט דאָס געזאַנג:
עס שניידן אים אָרעמס, ווי אייזערנע צוימען...

אין בלאַסלעכן שיין פונ׳ם זומער פאַרטאָג
אליאָשאַ דערקאָנט די פאַרהאַסטע געשטאַלטן...
דער ליכטיקער כוס פון זיין ברוסט טוט אַ יאָג, —
צערונען ווערט סוד, ווי אין ערדישע שפּאַלטן.

עס דריקן אים שטאַרקער פאַראַכטעטע הענט,
נאָר שטייפער ווערט בליק פון אליאָשאַ׳ן:
אין הייליקער שנאה צום מערדער, וואָס ברענט,
ווערט ו ו י י ט אָ ג פון אינגלשע גלידער פאַרלאָשן.

5

„שפּרעך, יונג דו, דערצייל! ניט באַהאַלט, ניט פאַרהיל,
ארויסגיב, פאַרפלוכט, פּאַרטיזאַנישן לאַגער!"
. . . אין האַרציקער טיף שטומט דער סוד אזוי שטיל,
עס וועט אים ניט אויסגראָבן פיינטלעכער אַקער . . .

דער שונא הייסט זאַמלען אַ האָלץ צו אַ ברעט, —
און באַלד טוט אין הויף שוין אַ פייער אַ פלאַקער;
עס צערטלט פאַרטאָגיקער ווינטל און גלעט
די אינגלשע גלידער, דעם אינגלשן נ אַ ק ע ט.

עס הויבן זיך פלעמלעך מיט העלן גערויש
און קושן מיט רויכיקע ליפּן דעם הימל;
אליאָשאַס בליק שוועבט איבער פונקען געברויז
און ס'וועקן זכרונות זיך אויף, ווי פון דרימל . . .

עס הויבן זיך פלאַמיקע פליגל צום רוים
און ס'קוקט דורכן פלאַם אויף אליאָשען זיין ברודער . . .
עס ווינקט אים זיין שכן ארוים, ווי אַ טרוים . . .
זיין לערער, מיט שטאָלץ, קוקט אויף אים אַ באַרוטער . . .

. . . געגליט האָט אַמאָל אַזאַ הייסער באַגער:
אַ בליק טאָן אויף מאָסקווע, אויף קרעמלשע טורעמס;
געלאָפן, געזען און גע'מוסר'ט האָט לערער . . .
נאָר הייסער האָט ל י ב ע צום לאַנד זיך צעשטורעמט!

ס'ווערט הייסער דער פלאַם און זיך נעענטער שאַרט,
עס קושן די פונקען אליאָשאַן די ברעמען . . .
אַ, מאָסקווע, אַ סקווערן, אַ קרעמלשע פּראַכט, —
ס'וועט קיינמאָל אייך, קיינמאָל, אליאָשאַ פאַרשעמען!

עס וויכערן פונקען אין ווילדן געיעג,
די אינגלשע אויגן שוין גאָרניט דערקענען;
די קני טוט אַ שניט אַ פלאַמיקע זעג . . .
עס מורמלען די ליפּן בלויז: מאָסקווע . . . ל ע נ י ן . . .

6

צעבליט האָט זיך זון איבער הימלשן ראַנד,
ווי לויטערער א מ ת פון אינגל אליאָשא ;
די זון, וואָס גייט אויף און באַהעלט אַזאַ לאַנד,
וועט קיינמאָל פון שונא ניט ווערן פאַרלאָשן !

אין העלדישן אָנשטרענג פון שלאַכטן־געברויז
מאָנט ראַכע אליאָשאַס פאַרגאָסענער ציטער ;
אין ווינטן־געדריי, אין וועלדער־גערויש,
נ ק מ ה ! — שרייט אַש פון פאַרפייניקטע גלידער.

עס וועקט צו נקמה פאַרפייניקטע ערד,
עס רופט צו נקמה פאַרוואונדיקטע כאַטע ;
און אַלץ, וואָס דער פיינט האָט פאַרשוועכט און געשענדט,
און אַלץ, וואָס גייט אוים הינטער נאַצישער גראַטע . . .

צעיאָגט, פרייע ווינטן, דעם אַשיקן שטויב,
אויף ענדלאָזער רחבות זיין רוף זאָל זיך טראָגן !
זאָל ברענען די ערד אונטער הערשער פון רויב —
ביז ווידער וועט אָנהויבן טאָגן.

ס׳וועט מעכטיקע האנט פון סאָוועטישן לאַנד
אויף אייביק דעם שונא אין אָפגרונט פאַרקערן ;
נאָר ליד פון אליאָשאַן, פון קינד־פּאַרטיזאַן,
וועלן דורות באַפרייטע ניט מיד ווערן הערן . . .

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

„ב א ר ס"

פּ אָ ע מ ע

(דער הונט „בארס" האָט אויפגעדעקט פיר נאַצישע קוקאַווקעס (סניי־פּערס) אין די לעצטע שעהען פון זיין לעבן. — פון די נייעס פון סאָוועטישן פראָנט).

1

ניט ווייט פונם וועג, ערעגעץ־וואו בא אַ וואַלד,
וואו ערשט האָט געפיבערט מיט שלאַכטן, —
אַ ביקס־שאָס גאַנץ אָפט די וואַלד־רו צעשפּאַלט,
ניט זיכער דער וועג איז ביז שפּעטע פאַרנאַכטן.

פאַרבאָרגן אין קוסטן, אין בלעטער פון בוים,
פיר נאַצי־„קוקאַווקעס" דעם דורכגאַנג באַשיסן;
מיט וועלפישע ציין האָט די מאָרד־לוסט פון פיינט
מיט שנאה אין טאָג־ליכט געביסן.

ניט זיכער געוועזן איז דערבייאיגער וועג
פאַר היימישן מענטשן צו שפּאַנען;
געצילט האָט דער פיינט פון באַהעלטעניש־לאָך,
געצילט האָט ער פּלוצלונג פון דאַנען.

געצוואונגען איז בוים און דער מאָכיקער שטיין
דעם בלוטיגן פיינט צו באַשיצן;
נאָר ס'דאכט זיך: דער וואַלד, מיט פאַרשטיקטן געוויש,
פאַרוויגט איצט, ווי קינדער, די ביימערשע שפּיצן.

בלויז מיילן אוועק שטייט באַוואַכט די קוואַרטיר
פון פאָלקן סאָוועטישע, בראַווע;
עס איילן באַריכטן צום הויפּט־קאָמאַנדיר,
אַ וואוילער, פאַר'עקשנ'טער חבר.

עס קומען שטאַפעטן פון רויכיקן פראָנט
מיט ריח פון פּולווער אין הענט און אין קליידער;
און איינער גיט איבער, אַ צווייטער   ד ע ר מ אָ נ ט . . .
מיט מענטש און מאָטאָרן עס פיבערט כסדר.

און אָט איז אַ דריטער, — פון וועג וואָס באַם וואַלד, —
אי ליבע, אי צאָרן אין אויגן צעקלאַרטע:
„די ביימער באַהאַלטן, דער וואַלד־רויש באַהאַלט
פאַרדאַמטע „קוקאַווקעס" אָט דאָרטן . . ."

פאַרקלערט און פאַרטיפט ווערט דער הויפט־קאָמאַנדיר,
ווי אַ דעמב אינם וואַלדיקן שאָטן;
זיין וואונק פירט ארויס דעם סאָלדאַט צו אַ טיר,
זיין פנים פון שלאַכטן צעקנאָטן.

די טיר ווערט צעפּראַלט און דאס האַווקען פון הינט
באַגריסט אַזוי הילכיק זייביידן . . .
„העי, בארס, קום אהער!" און געשולט, ווי אַ קינד,
קומט צו בארס אזוי קלוג און באַשיידן.

ס'באַשמעקט דעם סאָלדאַט דער לאָיאַלער הונט בארס,
די קליידער, דעם ביקס און די פינגער;
און קוקט אין געזיכט אים פאַרוואונדערט און שטאַר,
און ס'ווערט דעם סאָלדאַט עפּעס גרינגער.

בארס ווייסט און פאַרשטייט; און עס קנייטשט זיך זיין הויט
פון אויפרעג און נייגערשן ציטער;
ניט איינמאָל געבייטשט האָבן פליגל פון טויט
איבער בארסן, ווי פלאַמיגע ריטער . . .

„נעם בארסן מיט זיך. ער וועט זיכער, געניט,
דערשמעקן די נאַצי „קוקאַווקעס;
דערפיר אים אַ מייל ביזן וואַלד און מער ניט,
און נאָכדעם — גיי נאָך נאָך זיין האַווקען . . ."

2

דער יונג איז אַוועק און אַ גרופּע מיט אים.
און אין הארצן — עס ווילט זיך אַ זינג טאָן!
עס ציט זיך דער וועג, נאָר עס רייסט זיי פאָרויס
בארסעס שטומע צעהיצטע אינסטינקטן.

חיים שוואַרץ

געבליבן צום וואַלד איז איין מייל נאָר, איין מייל,
עס הויבן זיך העכער די ביימערשע צווייגן;
די גרופּע בלייבט שטיין. ס'ווערט אַלץ אַף אַ ווייל
פאַרזונקען אין וואַכיקן שווייגן.

בארם נויגט צו צו דער ערד זיין שטום־קלוגן קאָפּ,
פאַרשפּיצט זיין געהער יעדן שאָרך צו דערשפּירן . . .
די צוים פאַלט אַראָפּ — און מיט לאַנגזאַמע טריט
לאָזט בארם נאָכן ריח זיך פירן . . .

עס צופּט און עס בריט דער גערוך פון די טריט,
וואָס ס'האָבן דאָ פרעמדע געלאָזן אין באָדן;
ס'באַגלייטן אים יונגען מיט צאָרן, וואָס גליט,
און מיט טויט אין די ביקסן געלאָדן.

איין בוים בארסן ציט . . . ער דערנענטערט זיך שטיל . . .
ווי געדיכט זיינען איבן די בלעטער . . .
ער הויבט אויף זיין קאָפּ. און אַ מעכטיג געבריל
דעם וואַלדיגן שווייגן צעשמעטערט!

אַ זאַלפּ נאָך אַ זאַלפּ שפּאַלט דעם שטילן ארום,
עס טרעשטשען די צווייגן פון קוילן;
ס'טוט עפּעס אַ וואַקל אין הויך אזוי קרום . . .
עס זינקען צוויי טונקעלע קנוילן . . .

ס'טראָגט ווידער זיך בארם איבער וואַלדיגער ערד,
די נאָז־לעכער פירן צו מאָכיגע שטיינער.
און פּלוצלינג פון טיף האָט דער וואַלד דאָ דערהערט
אַ ברום דורך דערצאָרנטע ציינער.

ניט זיכער איז מער שוין אפילו דער שטיין
פאַר שונאס פאַרעטערשע צ י ל ע ר.
ס'וועט פוילן אין מאָכן דעם שונאס געביין
און פריי וועט דער וועג זיין און שטילער.

ס׳האָט בארם שוין דעם דריטן פון זיי אויפגעדעקט ;
דער וואַלד דאכט זיך אָטעמט שוין זיכער,
איז פאַר וואָס רייסט זיך בארם און ער טראָגט זיך אוועק
שוין ווידער אזוי, ווי אַ וויכער ?

עס שפּאַנען נאָך אים די אַרמייער געהיים —
מיסתּם איז אַ פערטער נאָך אויך דאָ פאראַנען.
אַ, היט דיינע טריט ! טראַכט אַ יעדער פאַר זיך
מיט ליבע צו בארסן . . . און שפּאַנען.

עס רייסן די נעגל פון הונט אין דער ערד,
ער שליידערט צום שטיין זיינע ווילדסטע געברומען . . .
אַ ביקס טוט פון דאָרטן אַ פּלוצלונגן קער . . .
אַ שאָס . . . און די קויל האָט צעשניטן זיין גומען . . .

בארם פאַלט צו דער ערד און פאַרשטומט איז זיין קול,
נאָר עסריידן איצט הויך די גראַנאַטן :
עס קנאַלט אינם שטיין פון ארום מיט איין מאָל —
עס צילן שוין זיכער די יאַטן.

באַצאָלט האָט דער פיינט : ס׳איז אויך שטיל הינטער שטיין . . .
און ווי רואיג דער וואַלד איז געוואָרן !
ס׳וועט פוילן אין מאָך דעם שונאס געביין . . .
דאָס לאַנד האָט אַ שבועה געשוואָרן !

* * *

ניט ווייט פונם וועג, ערגעץ וואו בא אַ וואַלד,
אַ בערגל אַ קליינס איז פאַראַנען ;
ס׳וועט קיינמאָל דער טרעגער פון מאָרד און פון גוואַלד
די וועגן באַשיסן פון דאַנען . . .

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

אונזער לאַנד איז אין קריג

1

אונזער לאַנד איז אין קריג. זאָל דער רוף צו געווער
אַ הילך טאָן דורך אלע סירענעס!
און אויב, ווי אַ הויקער, דריקט עפּעס דיך שווער —
אויף שטויבן צעפּליק און פאַרברען עס...

ניט איצט איז פאַר צווייפל און וואקל די שעה.
ניט איצט — פאַר געראַנגל פון ברידער;
אַז ווי איז צו די, וואָס אין היימלאנד, אָט דאָ,
צעבלאָזן די פלאַמען פון ש פּ ל י ט ע ר!

געווים איז ניט אַלץ, ווי געוואונטשן, מיין פריינט;
ניט אלץ קומט מיט פרייד אונז אַנטקעגן;
באַיאָכט איז מיט לאַסטן פון זאָרג אונזער היינט,
מאזאָליעס די הענט נאָך באַפלעקן, —

נאָר מיר'ן מיט נעגל און שטאָלענע ציין
צעגריזשען די הענט פון פאַרשווערער,
וואָס ווילן אַ שליידער טאָן אונזער געביין
אין קלאמער פון פעלקער-צעשטערער.

אַז ווי איז צו די, וואָס מיט שפּאָטישע רייד
דעם דראנג פון די פויסטן פ א ר ש ו א כ ן;
וואָס פלעכטן פון ליגנס אַ בלוטיקע קייט
די וועגן צום זיג צו פאַרשפּאַרן.

אַז ווי איז צו די, וואָס אין שעה פון געפאַר,
דעם לויף פון די רעדער פ אַ ר ש ו ו ע ר ן;
וואָס ווילן דעם אויער מיט לידער פון צער,
מיט אונקום-געזאַנגען אונז נערן.

2

די וועלט איז אין פלאַמען. עס שטייען אין קאָן
די פרילינגס פון קומענדע יאָרן;
דער גרוילן-געשפּענסט פון פיראַטישער פאָן
וויל שענדן דעם הימל דעם קלאָרן.

ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף העלן געבלענד
פון אונזערע שטאָלצע געבויען;
און אויסגעשטרעקט גיריקע, רויבערשע הענט
צו אונזערע הימלשע ב ל ו י ע ן.

מיר האָבן אומזיסט ניט צעטורעמט דאָ שטעט,
די פליינען מיט וועגן צעשניטן;
מיט הענט פון מאַזאָליעס געשפּיכלערט די זעט,
די יאָרן אויף פראַצע צעביטן;

די יאָרן צעביטן אויף שאַפנדער מי,
מידבריות — אויף פעלדער צעגרינטע;
איז דער, וואָס געגעבן האָט שווערדן אַ צי —
זאָל קריגן די שטראָפן פאַרדינטע!

עס ליגן אין וואָגשאָל: אויף לעבן דאָס רעכט,
און אַלץ, וואָס אַ פאָלק האָט דערוואָרבן;
איז זיינען מיר גרייט — געגן גורל פון קנעכט
צו ברענגען דעם הייליקסטן קרבן!

3

זאָל וויסן דער שונא: עס ליגט ניט קיין זיג
אין שאָטנס פון חשך פאַרבאָרגן;
און ניט אין די פלוצלונג-פאַרצויגענע שטריק
אַ פאָלק פון פאַרמעסט ווערט דערוואָרגן.

ס׳וועט קיינמאָל זיך לאָזן פאַרקנעכטן די ערד
פון וואַשינגטאָן, לינקאָלן, בראַודער;
ס׳וועט קיינמאָל ניט ווערן פון שונא צעשטערט
פון א ו נ ז ע ר ע פאָנען דער פלאַטער!

און קיינמאָל זאָל נאַצישער שקלאַפישער סם
פאַרגיפטן אין הארצן די שטראָמען;
ס׳וועט קיינער פון באָדן פון לינקאָלנס שטאָם
פאַרשניידן די לויטערע זאָמען!

א מעכטיקע פעסטונג זאָל זיין יעדע היים,
די שעפער — געווער־ארסענאַלן;
מיט זודיקע שטראָמען פון שנאה און בליי
מיר מוזן דעם שונא באַפאַלן!

זאָל הילכן מיט ט א ט ן די ליבע צום לאַנד
אַט איצטער — אין טעג פון געפאַרן;
זאָל מעכטיק אַ הויב טאָן זיך גלויביקע האַנט
דעם וועג פאַרן פיינט צו פארשפאַרן!

זאָל ציען אַ וועג זיך פון יעדער פאַבריק
צו פראָנטן פון גרויסן געראַנגל;
און זאָל צווישן פעלקער זיך הויבן די בריק,
וואָס ווייסט ניט אין איינהייט קיין מ א נ ג ל.

4

אַ, הויב זיך צעלויטערטער, פעלקישער בונד
איבער וועלט, וואָס באַנייט זיך אין שטורעם;
דורך דיר בלויז וועט איבער צעאייטערטער ערד
צעלויכטן פון פרידן דער טורעם!

צעברויז זיך, אַ, ערד, מיטן ציטער פון טאַנק!
צעציטער, אַ, לופט, מיטן רויש פון פראָפעלער!
גיי אויף און צעבלי זיך, דו מעכטיק געזאַנג,
און צינד אונזער זיג אָן אַלץ העלער!

זאָל קיינער פאַרצאַמען פאַר אונזערע טריט
דעם וועג פון געוואגטע פארמעסטן!
מיר וועלן אַ זינג טאָן פון שטורעם דאָס ליד,
ווי אָדלערס פון בארגיקע נעסטן.

און אויפגיין וועט זיכער פון היינטיקער לאַסט
באַפרייטע און העלע פאַרטאָגן . . .
און דאָס, וואָס דאָס האַרץ האָט ביז וויטאָג געהאַסט,
וועט אייביקער פרידן פאַריאָגן!

ב ר ו כ ו ו אַ ר ג

1

פון שטילע,
שטויב-פאַרהילטע בוידעמער,
פון קעלערס אונטערשטוביקע,
פון לעכער און פון ווינקלען הויפישע,
פאַרשטויסענע, —
האָט מען ארויסגעשלעפט אונז ווידער אַף דער פריי.

די זעלבע הענט, וואָס האָבן אונז —
נאָך יאָרן פיל פון צערטלעכער באַרירונג
און באַנוצונג,
שייערונג און פוצונג,
מיט אונזער וואָכעדיקן יום-טוב-גייסט צעשיידט,
אזוי האָבן אונז
באַליידיקטע,
פאַרשעמטע,
אַף זשאַווער נוצלאָזן פאַרמשפּט, —
איצט האָבן אונז די זעלבע צאַרטע הענט ארויסגעשארט
מיט ליבער וואַרעמקייט,
מיט מאָדנעם לויטערן געמיט.

2

מיר האָבן אומעטום געוואַלגערט זיך
אָן זינען און אָן ציל.
עס האָט די צייט,
די מערדערין,
מיט אירע קאַלטע פינגער
אַ צודעק נאָך אַ צודעק איבער אונז
פון גרויען שטויב געלייגט;

מיט קאַלטן אָטעם פון בית-עלמין ווינט
חלומות פון אַמאָל
אריינגעווייט אין אונזער זשאַווערדיקן שלאָף.

ס׳האָט זעלטן ווער צעוועקט די רו,
די נוצלאָז־שווערע רו
פון גלידער
אַף אומקום אייביקן פאַראורטיילטע.

ס׳איז ליב
און פיינלעך־זים געוועזן בלויז
די טרוימערייי פון יענע טעג,
ווען אונזער גוף
האָט זיך באַהעפט אין ווארעמען באַריר
מיט מענטשנס שעפערישע הענט
אין פריידיקער באדינונג,
און האָט אים נוץ
און גליק
געבראַכט.

3

נאָר אַט —
מען האָט זיך ווידער מיטאַמאָל אָן אונז דערמאָנט!

מען האָט אונז אויפגעזוכט
און יום־טוב׳דיק צערודערט אונזער רו.
און אַט —
מיר זיינען דאָ
אַ טורעמדיקער באַרג!

עס קושט דער ווינט אראָפּ פון אונז
דעם גרויען שטויב;
עס ברענט די זון מיט ליבע אונזער פנים;
און אונזער יעדעס גליד
מיט הויך פון הימל־בלוי
ווערט אָפּגעפרישט.

אַט באַלד —
אראָפּגענומען ווערן וועט פון אונז די שטראָף,

די שטראָף די בייזע פֿון אַף גאָרנישט טויגן,
אין ס׳וועט אונז ווידער לייטערן
געבענטשטע שעפערישע האַנט
פֿון אונזער לאַנד,
און גיסן אונז
און שמעלצן אונז,
און פֿורעמען,
און צוגרייטן פֿאַר ברויזנדע פֿאַרמעסטן
אין וועלטס גיגאַנטישן געראַנגל !

4

אייזן,
מעש,
און צינק און קופּער —
ס׳וואַקסט און ס׳קלעטערט אונזער קופּע !

שפּילצייג
ברוכוואַרג און זשורנאַלן . . .
אַזאַ אוצר פֿון מעטאַלן :

גליטשערס,
וועגענער און שליטן —
האָבן וועלטן אויסגעריטן !

„סקוטערס״, וואַנעס, ביציקלעטן,
לאַמפּן,
לאַפּעטעס און בעטן ;

רערן,
גראָז־שניידערס, ספּרוזשינעס,
ווייערס, גראָב־אייזענס און שינעס ;

גומי־רעדער,
וואַסער־פֿלעשער,
רעגן־מאַנטלען,
קייטן, שלעסער !

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

העכער, העכער,
ברייטער,
פעטער!

ברוכווארג-קופע,
שטייג
און קלעטער!

שמעלצונג-אויוונס ווארטן גרייטע
אויפצונעמען אונז
דערפרייטע,
און צעשמעלצן אונז,
צעגיסן,
אונזער עבר אָפּצואווישן,

און צו פורעמען אונז ווידער
אונטער קלאַנג פון נ י י ע לידער:

אין קאַנאָנען
און אין טאנקען —
איצט די טייערסטע, ג ע ש אַ נ ק ע ן:

ביקסן,
טראָקס און עראָפּלאַנען;
אַטאָם,
קריג-שיפן און באַנען;

רעטונג-שיפלעך,
מאַסקעס,
בריקן, —
און וואוהין דאָס פאָלק וועט שיקן:

אין די רוימען,
איבער ים'ען;
און אין ערגעץ ניט פארזאמען!

העכער,
העכער,
ברייטער, פעטער,
ברוכוואַרג-קופּע, שטייג און קלעטער!

ס'האָט אַ וועלט מיט דיר געהאַנדלט —
אין געווער ווער איצט פאַרוואַנדלט!

שמעלצונג-קעסלען גרייטע וואַרטן
און די וועלט —
זי ברענט אין שלאַכטן!

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

דאָס ליד פון די פליכטלינגען

1

איבער אונזער הימל יאָגן בייזע אומרואיקע כמאַרעס,
איבער ניט-געוואונטשטע וועגן — פים געשוואָלענע זיך שאַרן.

וואו איז רו פון א י י ג ן ווינקל ?
וואו — דער פרידן איבער שוועלן ?
ס'האָט אַ שניט געטאָן מיט וואונדן קריגס געפאַנצערטע באַפעלן.

ס'האָט דער טויט אויף פלינקע פליגל אונז פאַרלאָפן אַלע וועגן,
און אין הערצער אָנגעטראָגן בלינדע אומרואיקע שרעקן.

יעדער שוועל — אן ענגער קבר,
יעדעס הויפל — אַ בית-עולם;
ווער קאָן אלע פרישע קברים אויף די וועגן איבערציילן ?

ווידער — שוואַרצע ווענט פון געטאָס,
ווידער הוליעט מיטל-אלטער;
ווידער שטארצן פונם עבר לאַנג-פאַרגעסענע געשטאַלטן . . .

ס'לעכערט לאַטע דורך די פלייצע,
ס'וואונדיקט בענדל אויפן אָרעם,
און דעם מערדערס יעדער אויג-בליק
עגבערט, עגבערט, ווי אַ וואָרעם.

טריפט צעגליטער פיין פון האַרצן,
טריפט אַ טראָפן נאָך אַ טראָפן;
חשך נאַכטיקער פאַרנעמט אים
און דער האַרטער שטיין צוקאָפּנס . . .

וואָס איז רו אין נעכט פון געטאָס ?
וואָס איז טאָג אין תפיסה-לאַגער ?
איין צעבריטע וואונד אין הארצן,
איין צעגליטער וויי וואָס פלאַקערט . . .

ניט געווען צומאָל די רגע
בלויזן העמד אָף לייב צו כאַפּן :
מיטן רויך אוועק איז כאַטע —
אַזש די ערד האָט זיך געצאַפּלט . . .

2

איבער לענדער פון איירָאָפּע קרעכצן גוססדיק זיך טראָגן,
אין פּאַלאַצן פון בורבאָנען
הוליעט שאַנדע ביז פאַרטאָגן.
צווישן בעלער-פּראכט און ווייגען אין די נאַצישע סאַלאָנען
זוכט פ א ר א ט זיין ה אָ ב צו שיצן
אונטער בלוט-פאַרפלעקטע פאָנען.

געגן פאָלקס גערעכטן צאָרן, געגן הונגער — ניט צו זעטן —
קוילן בליציקע און הייסע,
שאַרפע באַיאָנעטן.

אָ, איר פאַלשעוועט, באַטריגער !
איר פאַרפירט,
פאַרפירער !
ביזן הימל שרייען עדות : בלוט פון הילפלאָזע מארטירער !

אונזער גורל ניט פאַרקניפּט איז מיטן גורל פון פיראַטן,
וועלכע האָבן פאָלקס חלומות לאַנג געשענדט
און ג ר אָ ב פאַראַטן ;

אונזער גורל — מיט די פעלקער, מיט די מוטיקסטע און דרייסטע,
פאַר אַ לעבן פאַר אַ נ י י ע ם,
פאַר אַ דור אַן א ו י ס ג ע ל י י ז ט ן !

3

שטייט פאַרקלערט אַ יונגע מוטער
ביי איר קינדס פאַראומערט וויגל ;
שטאָלץ פאַרבאָרגענער אין בליקן
טרייסט — אין שטילן ניגון :

שלאָף, מיין קינד, מאַך צו די אויגן,
רואיק זיי, ניט וויין ;
ניט איינמאָל האָט שוין געשליידערט
פיינט אין אונז אַ שטיין.

ניט איין שונא האָט געלויערט
ביז אויף אונזער פאָלק ;
און פאר פרעמדע זינד ניט איינמאָל
האָבן מיר געצאָלט.

וויפל וועגן דורכגעוואַנדערט
אינם לאַנגן גאַנג ?
טיפן צער געמישט מיט פריידן,
טרערן — מיט געזאַנג.

היימען — אויפגעשטעלט מיט וויטאָג —
האָט דער פיינט צעשטערט ;
בלוט פון האַרץ געווייקט האָט דורשטיק
יעדעס שטיקל ערד.

ס'קרעכצט דער ווינט אין בלינדן דרויסן
און דער הימל טרערט;
פינצטער איז אין לאַגער־תפיסה,
קאַלט און האַרט — די ערד.

ס'איז אין רויך אַוועק די פּראַצע,
און אין פלאַם — די ר ו ;
שלאָף, מיין קינד, עס וואַכט דיין מאַמע,
מאַך די אויגן צו . . .

וואַקס און שטייג און קלייב אָן כחות,
הייסע טעג — פאָרויס ;
ס'וועלן בראַווע פעלקער אויפשטיין,
דער פאַרמעסט איז גרויס.

ס'איז געזונט דיין שטאַם און קרעפּטיק —
וואָרצלען פונם פאָלק ;
ס'וועלן טעג זיך נאָך צעבליען,
פריידן אָן אַ צאָל.

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

אונזער פאָלק רופט

פון אייראָפּע — אַ געשריי
פיבערט אוים צו יעדן:
שטיי!
דערהער!
הימלען שפּאַלט דאָרט יעדע טרער:

ס'איז דאָס לייב פון אונזער פאָלק —
איין גרויסע וואונד;
זיין היים — אין שריפות —
סמאַליעט,
סמאַליעט ביזן גרונד . . .

און איבער ערד, אויף יעדן שפּאַן,
גליען עדות,
זיינען בלוט-צייכנס פאַראַן:
פון פאַרצוקטע פרוי און מאַן,
פון פארגרווילטע זיידעס . . .

יעדער בוים אויף פעלד דערציילט,
יעדער שטערן
רעדט:
פון אַן אויג אַן אויסגעקראַצטן,
פון אַן אָדער אַ געפּלאַצטן,
אַ געזיכט — וואָס בעט . . .

האַלז
איין קנופּ פון הענקערס שטריק;
גוף — איין קראַמפּן
שרעק — אין בליק . . .
פארן מערדער בלויז איין ציל:
פעלקער,
לענדער
האַלטן שטיל.

האַלטן שטיל אין קלעם פון נויט:
זיך — די שפע,
זיי — דעם טויט,
און אין תהום פון פיין און וואונד
גוססט
לעצטער „ז י י - ג ע ז ו נ ט!"

פון אייראָפּע
אַ געשריי
פיבערט אויס צו יעדן:
שטיי!
דערהער!
הימלען שפּאַלט אַ יעדע טרער:

יעדע רגע שארט אָט דאָ
נאָענטער
נאָענטער
צ ו ו ע ל פ ט ע שעה!
גיב דיין האַנט און ניט פ אַ ר ז אַ ם!
ס'רופט דיין פאָלק, —
דיין אידן-שטאַם.

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

בריוו פון באַפרייטע אידן *

ניט פון ברויזיקן ווײַן פון אַ פלאַש
גיי איך איצטער ארומעט פארשיכורט;
און ניט פון דער שטראַליקער זון אויף דער גאַס
ווערט מיין אומעט צעריסן אויף שטיקער.

ס'האָט אַ ליכטיקע כוואַליע פון ב ר י ו ו
מיין טאָג צו די הימלען דערהויבן;
כ'בין אליין היינט אַ שווימענדע שיף
איבער כוואַליעס פון פריידיקן ג ל ו י ב ן!

עס ריידן די בריוו מיט אַ מויל,
וואָס א ו י פ ס נ י י האָט זיך פלוצלונג צעעפנט:
פון אַ זיכערער היים און פון מי,
און פון וואונדער, וואָס קאָנען נ אָ ך טרעפן.

איך שלינג פון די בריוו יעדן אות
און ס'גייט אויף פאר מיין אויג אַזאַ וואונדער:
פון איין מעכטיקן פרידלעכן שאָס
איז געוואָרן באַפרייט אַ יאָרהונדערט!

מיין הארץ יאָגט זיך נאָך נאָך מיין בליק
און געפינט אַזאַ לאַנד צווישן לענדער:
אַ לאַנד וואָס באהויכט איז מיט גליק
פון אן ערדישער העלער ל ע ג ע נ ד ע.

ערשט ניט לאַנג האָט געשאָלטן אַ מענטש
זיין לעבן פון פיינען דערוואָרגן;
איצט ג ר ו י ס ט זיך דער זעלבער און בענטשט
אויפסניי זיין באַפרייטן פרימאָרגן.

ערשט ניט לאַנג האָט אַ פאָלק זיך געדאכט:
עס וועט קיינמאָל שוין, קיינמאָל ניט טאָגן...
איז ווער האָט עס פלוצלונג די נאַכט
מיט פראָפּעלערס געזומען פאַריאָגן?

ס'האָט אַ לאַנד אַ דערהויבנס געשיקט
מיט ליכטיקע בשורות שטאַפּעטן —
ס'האָט דעם שונא די וועגן פאַרשטעלט
דאָס וואונדערלעך לאַנד פון ס אָ ו ו ע ט ן!

אַ, פאָלק מיינס, צעוואונדיקטער א י ד,
מיט דורות פון פּיינפולע לאַסטן:
עס פרייט זיך ב י ז ו ו י י ט אָ ג מיין ליד
מיטן אומקום פון ע ב ר פאַרהאַסטן.

אַ, פאָלק מיינס, אַ, אידישער שטאַם:
צוזאַמען מיט דיר וויל איך בענטשן
די האַנט, וואָס פון העלישן פלאַם,
האָט אַזוי דיך דערהויבן צום מ ע נ ט ש ן!

מיטן אויפשיין פון פרייד אין דיין בליק,
מיטן אויסגלייך פון גלידער צעדרייטע, —
האָסטו שטאָלץ זיך פאַרנומען צום ג ל י ק
אויף וועגן צעעפנטע, ברייטע.

איך שלינג פון די בריוו יעדן אות
און עס גייט פאַר מיר אויף אַזאַ וואונדער:
פון איין מעכטיקן פרידלעכן שאָס
איז געוואָרן באַפרייט אַ יאָרהונדערט!

1940

*) געשריבן ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט די געגענטן פון פּוילן, רומעניע און ליטע.

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

מיין שטעטעלע בערעזין

1

שוין צוואַנציק לאַנגע, פולע יאָר
זינט כ'האָב דיך, שטעטעלע, פאַרלאָזן;
עס האָט מיט מיר אַ גאַנצער דור
פון זיך דיין שטויב אראָפּגעבלאָזן.

אין אַלע עקן פון דער וועלט
האָט לעבן־שטראָם אונז ווייט צעטראָגן;
ס'האָט איבער אונז די זון צעהעלט
גאָר פרעמדע שטאָטישע פאַרטאָגן.

נאָר נאָכגעגאַנגען ביזטו לאַנג,
מיין טראָט געצערטלט, ווי אַ מאַמע;
ניט איינמאָל האָט מיך מיין געדאַנק
צו דיר געטראָגן איבער ים'ען.

ניט איינמאָל שטיל ארומגעבלאנקט
אין דיין בלוי־הימלדיקן דרויסן,
און צוגעהערט זיך צום געזאַנג
פון טייך בערעזינא'ס גערוישן.

און שטאָלץ האָט וואלדיקער ארום
געאיילט ניט איינמאָל מיך צו גריסן;
מיט סאָסנע־דופט גערופן: ק ו ם !
מיט בלעטער־רויש צו זיך געריסן.

וואָס ווייטער ס'האָט אין לאַנגן וועג
די צייט מיט אימפּעט מיך געטריבן, —
אלץ איינס געדאכט האָט: באַ דיין ברעג
איז וואָרצל מיינס נאָך אַלץ פאַרבליבן.

איך האָב שוין נייעם יונגן שטאָם
אין היגער ערד אריינגעשלאָגן,
נאָר אָפּט — אַ בענקשאַפט טוט אַ פלאָם
און כ׳וועל צו דיר אוועקגעטראָגן...

ווייל שווער מוז איצטער זיין דער יאָך
אין קייטן-קלאַמער פון דעם פיינט;
און פיינפול-שווער איז איצט דיין בראָך
בערעזין, שטעטעלע דו מיינס.

2

עס פלעגן ברענגען בריוו אַמאָל
פון דיר אזעלכע העלע גרוסן;
דו האָסט מיט פרייד, אויף הויכן קול,
געלאַכט פון נעכטיקע פאַרדרוסן.

ביזט שוין געווען דאָך אויפגעריכט,
און מענטשלעך-הויך אזוי דערהויבן;
ס׳האָט אויפגעשטראַלט אויף דיין געזיכט
אַזאַ צעכוואַליעדיקער גלויבן.

און פריידיק האָט בערעזינא
געשפיגלט זיך באַ דיינע ברעגן;
און האָט אַ לוסטיקע אַזאַ
געשטראָמט דעם דניעפּער-טייך אַנטקעגן.

ווייל שטייף ביזטו געווען פאַרקניפּט —
ווי אין אַ קראַנץ — מיט לאַנד׳ס סאָוועטן;
און ס׳האָט דאָס גרויסע לאַנד — פאַרליבט
אויך דיך צום סעודה-טיש פאַרבעטן.

און צוגעקוקט האָט שטאָלץ די זון
אויף דיינע נייע טעג פון אויבן;
זי האָט פאַרגאַפט געקוועלט דערפון
און זיך געפוצט אין דיינע שויבן.

און בלויז, ווען נאַכט האָט איינגעהילט
מיט צאַרטע שאָטנס דיינע ראָגן ;
און ווייַן פון רו האָט איינגעשטילט
דיין פרייַלעך אימפעט ביזן טאָגן, —

האָט כוואַליעס־רויש פון טייַך געוועבט
און האָט אַן אַלט געזאַנג געשפונען
פון טעג, וואָס דו האָסט דורכגעלעבט,
און פון אַמאָל, וואָס איז צערונען . . .

3

נאָר איצט — ווי ביטער־הארב מוז זיין דיין יאָך
אין קייטן־קלאַמער פון דעם פיינט !
ווי פייַנפול־שווער מוז זייַן דיין בראָך
בערעזין, שטעטעלע דו מייַנס !

און מיילן טויזנטער אוועק —
דייַן ווייטאָג ברענט אין מייַנע גלידער ;
ס'איז יעדער טאָג דיינער — אַ זעג
אויף העלזער וואונדיקע פון ברידער.

נאָר קומען וועט — ווי שטאַרק איך גלויב —
די שעה די העלע פון נקמה,
און ס'וועט אַ פלאַץ געבן אויף שטויב
דעם הענקערס בלוט־געפארבטע לאָמען.

און ווידער וועט בערעזינא
מיט שטאָלץ פאַרבייַגיין דיינע ברעגן ;
און וועט אַ לוסטיקע אַזאַ
דיין גרוס צעטראָגן איבער וועגן . . .

דו פון דאָרטן, איך — פון דאַנען

(צו מיין שוועסטער־קינד, חנה ראָווינא, אין תל אָביב).

1

עס האָט מיין אויער אויפגעכאַפּט דיין קול
און פון דיין האַרץ — דעם דרייסטן ציטער;
איך האָב מיין שוועסטער פון אַ מ אָ ל
אין דיר דערקענט איצט ווידער.

אַ צוויבער־פלאַנץ, וואָס שפּראָצט אין פרייען פעלד —
דיין נאָמען איז אין מיין זכרון;
ניט איינמאָל האָסטו אויפגעהעלט
אין גאַנג פון מיינע יאָרן.

געדענקסט די טעג, ווען פון דער ווייטער פרעמד
פלעגסטו אראָפּקומען אין שטעטל?
און מיך — אַ קינד, פון פרייד פאַרקלעמט —
פלעגסטו מיט בליקן אַזאַ גלעט טאָן?

און יעדן שפּעטן זומער־אויפדערנאַכט
האָסטו באַם טאַטנס טיש געזונגען;
און איך — אין אַלקערל פאַרטראַכט —
האָב יעדן קלאַנג געשלונגען.

עס האָט געדאַכט: פון אידנס אַלטן קוואַל
האָסטו אַ שעפּ געטאָן געזאַנגען;
און יעדער קלאַנג — אַ שטערן־שטראַל,
וואָס ערגעץ איז פאַרגאַנגען.

און יעדער דורכגייער אין גאַס פאַרביי
האָט צוגעשטעלט פאַרגאַפט אַן אויער...
און מיך פלעגט איינוויגן געטריי
אַ חלומ׳ל אַ בלויער...

2

אוועק ביזטו, אין אומרואיקע טעג,
צום טייך פון ביבלישער לעגענדע ;
און מיך — געלאָקט האָבן אין וועג
אמעריקאַנער לענדער.

האָסט אויפגעבויט דיין היים אין תל-אביב,
און איך — באַם ברעג פון מיסיסיפּי ;
פאַרביטן האָבן שטומע בריוו
די ווערטער פון די ליפּן.

דו האָסט אין דער העברעער-שפּראַך באַלעבט
און אויפגעשטעלט דעם ווייטן נעכטן ;
און איך — פון א י ד י ש - קוואַלן האָב געשעפּט,
פון ה י י נ ט י ק ע געפעכטן.

נאָר איצט : אז שונאם חלף איבער ערד
האָט וואונדן בלוטיקע צעשניטן ;
און אונזער פאָלק אויף ראַכע-שווערד
האָט ווערטער פרידלעכע פאַרביטן —

אָט איצט—איין שפּראַך, איין גרויסע מוטער-שפּראַך,
מיר האָבן ביידע אויפגענומען :
דעם ווײ פון אונזער פאָלק, וואָס שמאַכט,
דעם הילף-געשריי פון גומען !

ווייל ס׳איז איין קריג בלויז איבער ערד צעברענט
און בלויז איין שונא איז פאַראַנען ;
און מיר—מיר ענטפערן די אויסגעשטרעקטע הענט :
פון דאָרטן — דו, און איך — פון דאַנען !

* * *

עס האָט מיין אויער אויפגעכאַפּט דיין קול
און פון דיין האַרץ דעם דרייסטן ציטער ;
איך האָב מיין שוועסטער פון אַ מ אָ ל
אין דיר דערקענט איצט ווידער . . .

1942

שפאַניע

1

אָ, שפּאַניע, געקרייציקטע שפּאַניע,
מיט חורבן אַף בליענדע שטעט!
ס'האָט סוינע צעעפנט די קראַנען
פון פייער און בלוט אַף דיין זעט.

דו בויגסט ניט דיין קאָפּ פאַרן הענקער
און גרינג קומט ניט אָן אים זיין זיג,
עס וועט נאָך אַ פּלאַץ טאָן אַף וועגן
זיין בלוטיק־פאַרצווייגענע שטריק!

דיין טרוים פון אַ טאָג אַ באַפרייטן
מיר האָבן אין הארצן פאַרפלאַנצט;
דו פלעכסט איצט אין הייסן געראַנגל
פאַר צוקונפט אַ פריידיקן קראַנץ.

אַ טויט־שלאַג דעם בונד קאַניבאַלן,
וואָס צינדן די קנויטן פון קריג,
וואָס שלעפּן אין אַלטערטום־קעלער
די וועלט אַף אַ בלוטיקער שטריק!

2

די אויגן — צעשראָקענע טויבן —
פאַרשלינגען פון ציימונג די קעפּ:
ווי פּערל פון זאַמדיקן באָדן,
זיי טוען מ אַ ד ר י ד גיך אַ שלעפּ.

און וויפל עס זאָגן די ווערטער —
דאָס הארץ ווערט ניט זאַט און ניט שטיל;
עס טראָגט זיך פון צווישן די שורעס
אַ ווילדער הארמאַטן־געבריל.

עס דאכט זיך: ניט שורעס, ניט ווערטער, —
גראַנאַטן און קינדס אַ געשריי;
דער ווייטיק פון דערפער אין פלאַמען
שרייט העכער פון פיינלעכסטן וויי.

אָ, שפאַניע, געקרייציקטע שפאַניע,
מיט חורבן אַף בליענדע שטעט:
ס׳גייט אויף איבער דיר דיין פרימאָרגן
און יאָגט זיך מיט נאַכט אין געוועט.

1938

פון די ווייטסטע ווינקלען יאגן . . .

פון די ווייטסטע ווינקלען יאָגן
אומרו-כוואַליעס צו מיין האַרץ . . .
אָ, מיין האַרץ, ניט ווער פאַרטראָגן,
ווי גראַניט — ווער שטייף און האַרט!

איבער דיינע שוועלן הייסע
שפאַרן שאָטנס ווילד און פרעמד:
אויגן-לעכבער חיה׳יש-בייזע,
איבער גוף — אַ קבורה-העמד . . .

און די קבורה-קליידער בליאסקען,
אויסגעפוצט מיט האַקן-קרייץ;
און אין ווילדע אויגן-לעכער
ברענט אַן אויפהער מערדער-רייץ . . .

פון ארום אַן אויפהער שפאַרן
טרויער-כוואַליעס צו מיין האַרץ . . .
נאָר די אויגן מיינע שטאַרן
צו אַ פלעמל אַ געגאַרטס;

צו אַ פלאַם פון בלויזע ש אַ ר פ ן
איבער חושך׳דיקער נאַכט;
צו אַ פרייד, וואָס זאָל זיך וואַרפן
קעגן צער-געשפענסט אין שלאַכט;

צו אַ טאָג פון הייסע ש ט ר אָ פ ן
איבער לעצטן הענקערס הענט —
ווען דאָס דורותדיקע ה אָ פ ן
וועט ניט ווערן מער געשענדט.

1939

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

זייגער, זאָג

טיק־טאַק . . . טיק־טאַק . . . ווען עמנם שעהען,
זייגער, זאָג נאָר, ציילסטו איצט ?
וועמעס ליכט פארגייט אין גרויען,
וועמעס זיג האָט אויפגעבליצט ?

טיק־טאַק . . . טיק־טאַק . . . אין די תהומען
ליגט אַ זאָמען טיף פארזייט :
ס׳פאַלן ברויזנדיקע שטראָמען
אויף די וואָרצלען מיט אַ פרייד.

טיק־טאַק . . . טיק־טאַק . . . ווער קאָן מעסטן,
ענדלאָז־לאַנגע שטרעקעס צייט ?
ס׳וועט אין שעה פון וואונדער גרעסטן
ווערן נאָענט וויטסטע ווייט . . .

טיק־טאַק . . . טיק־טאַק . . . אונטער מעסער
וויפל פאַלן קעפ אין בלוט ?
יעדער טראָפן מאַכט נאָך גרעסער
הייסן שווערד פון ראַכע־גלוט !

טיק־טאַק . . . טיק־טאַק . . . ווען עמנם שעהען,
זאָג מיר, זייגער, ציילסטו איצט ?
ש ו נ א ס   טאָג פארגייט אין גרויען,
א ו נ ז ע ר   זון האָט אויפגעבליצט !

די וועלט איצט

(דער „מאָרגן-פרייהייט" געווידמעט)

די וועלט איצט — אַ וואַלד אַ געדיכטער
מיט לויער פון וועלפישע ציין;
אָ, פיר אונז פאָרויס און דערלאָז ניט
פאַרצוקן איצט אונזער געביין!

מיט פלאַנטער פון שאָטנס צעשפרייטע
פארשטעלט מען דעם הימל פון אויג;
אָ, קום און צעליכטיק דעם וועג אונז —
זאָל קני זיך ניט געבן קיין בויג.

עס זשיפּען אין לעבער די שלאַנגען
מיט סם אַף צעיושעטן צונג;
פאַררעטעריש צוקן די ליפּן,
אַ פאַלשער — פון בליקן דער וואונק.

צערייס פון די פעלשער די מאַסקעס,
דעם שלייער — פון פרעכן פאַראַט!
מיר זאָלן אין חושך דערקאָנען
דעם פּנים פון שענדלעכן טאַט.

די שונאים פאַרציען די שטריקן
און שלעפּן צום גרונט אונזער טראָט;
מיט שוואונג פון דיין שווערד דעם צעבלאַנקטן,
שנייד איבער די שטריקן פון שפּאָט!

זיי הייסן אונז קושן די ריטער,
וואָס יאָגן די זון פונעם רוים,
זיי ווילן —
מיט שימל פון בלעטער פאַרגעלטע
פאַרשיטן דעם פרוכטבארן בוים.

מיט קולות פון לעצטער גסיסה
אַף קרייץ־וועג פון שטורמישער צייט,
זיי ווילן —
פֿאַרהילכן די לידער, וואָס שאַלן,
וואָס רופֿן די פֿעלקער צום שטרייט.

מיט דערנער פון בלוטיקסטן שקר,
מיט זאַמדן פון פֿאַלשסטן געבאָט,
זיי ווילן —
פֿאַרצאַמען צום ליכטיקסטן מאָרגן
דעם שטאַלצן, פֿאַר׳עקשנ׳טן טראָט.

די וועלט איצט — אַ וואַלד אַ געדיכטער . . .
נאָר ס׳העלט שוין פֿון ווייטן דער ברעג ;
צעשטראַל אונז, אָ, ליכטיקער טורעם,
צום אויסוועג,
צום אויסלייז — דעם איינציקן וועג !

1940

זינג, האַרץ, זינג

עס זיינען איצט טעג, ווי געשוואָלענע זעגל,
וואָס שניידן מיט אומרו די ים׳ישע וועגן, —
זינג, האַרץ, זינג!

אומרו פון דורות פאַרשמיסענע שקלאַפן
יאָגן די זעגל צום ליכטיקסטן האַפן, —
זינג, האַרץ, זינג!

ס׳הויבן זיך כוואַליעס אין הויך מיט געפאַרן,
קיינער וועט וואָגן דעם וועג אונז פאַרשפאַרן, —
זינג, האַרץ, זינג!

ס׳בלענדט שוין דער ברעג פונדערווייטן די אויגן,
האַרץ ווערט אין פֿייער פון שטורעם געצויגן, —
זינג, האַרץ, זינג!

אין שעה'ען פון לאסטן

ח י י ם   ש װ א ר ץ

אין שעהען פון לאַסטן

(דער האָרעפּאַשנער פרוי געווידמעט).

אין שעה׳ען פון דר׳קנדע לאַסטן,
אין טעג אָנגעזאַפּטע מיט וויי, —
ניט גרינג איז אַן אויסוועג געפינען
אין פלאָנטער פון וועגן-געדריי.

אז וואו אונזער טראָט זאָל ניט שפּאַנען,
און וואו ס׳איז דער בליק ניט געווענדט —
דער שונא האָט נעצן צעפלאָכטן
צו בינדן די פיס אונז און הענט.

ס׳פאַרגייען די יאָרן באַשווערטע
מיט זאָרגן, מיט מי און מיט גרויל;
דער שונא בארויבט אונזער פראצע
און רייסט אונזער ביסן פון מויל.

מיר האָבן דורך דורות געבלאָנדזשעט,
ווי בלינדע אין חושך פון נאַכט;
מיט פאַלשקייט פון פוסטע חלומות
פאַרבלענדט האָט מען אונז און פאַרנאַרט.

איצט קומען מיר מחנות-ווייז זאָגן
אַ וואָרט — אזוי הויך, אזוי קלאָר:
מיר ווילן דעם יאָך מער ניט טראָגן,
מיר מאָנען אַ העלערן וואָר!

ניט מער די פאַרהייליקטע צנועה
מיט טרערן אין שטילן געבעט, —
נאָר מוטיקע, שטאָלצע און דרייסטע
אויף סקווערן פון רוויקע שטעט!

ניט מער מיט די הענט איבער אויגן
פארשטומט איבער צאנקענדע ליכט;
מיר האָבן גענוג שוין טענותים
אומזיסטע אין פיין אָפּגעריכט.

אונז האָבן מיט דביקות די באָבעס
געלערנט געדולדיק צו זיין;
ס׳האָט נאָכט ניט געשענקט זיי קיין אָפּרו
און טאָג — ניט קיין ליכטיקע שיין.

ס׳איז אפשר דער צאינא וראינא
גענוג פאַר די באָבעס געווען;
נאָר מיר האָבן ביטערן לעבן
מיט אַנדערע אויגן דערזען:

אַז וואו זאָלסט דיין בליק ניט אַ ווענדט טאָן —
דערקאָנסטו אין לאַנד אונזער מי;
דער וויטאָג פון יאָרן פאַרבליטע
טוט פלאמיק אין הארצן אַ ברי...

ס׳האָט פּראצע געלערנט אונז: הארט זיין!
געשטאָלט אונזער ווילן — האָט נויט;
איצט זיינען מיר שטאָלצע און דרייסטע
צו קעמפן עקשנות׳דיק גרייט!

איז — ווער וועט אויף צאינא און ראינאָ
און תחינות פאַרשווענדן די טעג?
מיר האָבן זיך מוטיק פאַרנומען
אויף נייעם, אויף פריידיקן וועג!

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

דאָס ליד פון פאַרבער

גרינג איז בערשטל אין מיין האַנט —
פאַרב איך פענצטער,
טיר און וואַנט;
בערשטל איינגעטונקט אין טאָפּ —
און אַ טאַנץ:
ארויף, אַראָפּ!

וואו עס טונקלט נאָר אַ פלעק —
איז אַ סקראָב,
אַ ריב, אַ מעק;
וואו אַ שפּעלטל, וואו אַ קאַרב, —
איז פאַרגלעט
און שמיר מיט פאַרב!

ביזן העכסטן לייטער־שפּיץ
שטייג איך, שטייג
און ציינער קריץ;
יעדעס שטאָפּל כאַפּט מיין טראָט
און פאַרוואַרפט אים
איבער שטאָט.

ברעכט שוין רוקן באַלד אין דריי,
און אין לונגען
שטיקט דער בליי...
הער איך קלאַנג פון שווערע טריט
און אַ קול,
וואָס טוט אַ שניט:

שנעלער, שנעלער, נו שוין, שמיר!
נאָך אַ פענצטער,
נאָך אַ טיר...
ס'וואַקסט קיין געלט בײַ מיר אַף מיסט
און איך צאָל קיין סענט
אומזיסט!

איך וועל שמירן, נאָר געדענק:
ס׳ווייטיקט האַרץ אין מיר
און קרענקט,
וואָס אַ באַלעבאָס, ווי דו,
גיט מיין אָטעם
ניט קיין רו;

און פאַר יעדן טראָפּן שוויים
קריג איך נאָך דערצו
אַ שטוים . . .
ברענט עס היים שוין לאַנג אין מיר,
ווי אַ בלוטיקער
געשוויר . . .

העי, דו באַרשט, ניט טראַכט,
ניט קלער;
ווער אַ פויסט,
אַ שטאָל־געווער!
און אַ וויכער גיב,
אַ יאָג,
איבער סקווער און איבער ראָג!

רויטע פאַרב איז דאָ גענוג:
ס׳ברענען הערצער היינט
ביז גלוט . . .
און אין לעבער גרוי און קאַלט
דאַרן לייבער
אָן אַ שטראַל;

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

איז אַ הויב און אַ צעטראָג,
און אין נויט-געשוויר
אַ שלאָג!
און פאַרפּוץ דעם וועלטס געזיכט
מיט דעם העלסטן
יום-טוב ליכט . . .

וועט די בערשטל אין מיין האַנט
פאַרבן פריידיק
טיר און וואַנט;
און מיין האַרץ וועט פריי און גרינג
געבן לוסטיקער
אַ זינג!

באַטאָג און באַנאַכט

מיין יונגן טאָג צעשמיר איך אַף פּאַפּיר,
וואָס איז מיט בלימעלעך
און קעסטעלעך
באַצירט;
און נאָכדעם קלעפּ איך אים — מיט בערשטל אין די הענט —
אַף בריט-צעצויגענעם סופיט
און אָפּגעקראַצטע ווענט.

אַ גאַנצן טאָג — נאָר שמיר און קלעפּ,
נאָר לויף און יאָג
אַף לייטערס טרעפּ!
אַ טונק די באַרשט — דער קליי איז דין —
און שמיר געשווינט:
אַהער, אַהין!

אַף פרעמדנס צייט — ניט שטיי, ניט קלער!
כאַטש האַנט איז מיד
און טראָט איז שווער;
נאָר אַלץ פאַרצייכן און געדענק:
ווי ס'שטיקט אין האַרץ
און קרענקט, —
אַז ס'זאָל קיין האָר ניט זיין געשענקט!

אָט איז דער טאָג פאַרביי שוין באַלד
און, ווי אַ וואָלף צוריק אין וואַלד,
אַהיים איך לויף
פאַרוים
און גרייט זיך צו:
די שאָען נאַכטיקע פון רו —
אַף אומרו הייסן בייט איך אוים.

ס'איז קאַלטע וואַסער גוט פאַר הייסן פּנים,
קאָפּ און נאַקן,
עס רינט פון גלידער מידע לאַסט
און קרעפטן פרישע מונטערן
און באַקן.

צעטראָגן מיך — אַ פריידיקן — די טריט
ביז שפּעטער שטערנדיקער שעה:
מיט הייסע רופן,
צייטונגען און יאַטן;
מיט האַרבע רייד אַף ראָגן
איבער נייגעריקע קעפּ.

און טומלדיק און ראַשיק איז
אַף זיצונגען דורך לאַנגע אָפּדערנאַכטן;
עס פאַלן ווערטער דאָרט,
אַף אויערן פאַרשפּיצטע, —
געפּאַנצערטע און האַרטע.

ס'ווערט יעדער טראָט געמאָסטן דאָרט,
געוואויגן און געציילט;
און יעדער טאָט געפּאַלמעסט ווערט,
געפעסטיקט און געהיילט.

אזוי ווערט וועג צום מאָרגן ליכטיקן
שוין היינט —
געפּלאַסטערט און געבויט;
און יונגער טאָג — אין פּראַצע־קלעם —
וואָס הענט צעשמירן אַף פּאַפּיר, —
ווערט דאָ באַצירט
מיט נייער הויט.

משה־יאָסל

פּאָעמע

1

יאָרן זיינען ניט קיין זשאַבעס, —
ניט זיי שפּרינגען נאָר זיי פליען;
ס׳טרעפט, אַז אויף אַן אָרט אַ וויסטן
הויבן בלומען אָן צו בליען.

* * *

משה־יאָסל איז אַ שטיפער,
פון די ווילדסטע אינם שטעטל;
יעדן פּאַרקאַן אָפּגעבראָכן,
אָפּגעריסן וואו אַ ברעטל.

וואו אַ סאַד מיט עפּל, באַרן,
רויטע פלוימען, שוואַרצע קאַרשן, —
ניט פאַרפעלט האָט משה־יאָסל
צו פאַרזוכן און פאַרנאַשן.

וואו אַ טויב נאָר אויף אַ בוידעם,
וואו אַ נעסט אין וואַלד געדיכטן, —
אַלץ געוואוסט האָט ער דער ערשטער
צו באַטאַפּן און פאַריכטן.

אויפן טייך — אַ גרויסער מזיק,
מיט די כוואַליעס אַ גוט־ברודער;
אומגעשוואומען, אומגעשיפט זיך
און געמייסטערט מיטן רודער.

ווען אַ אינגל אָט אַזאַ נאָר
פאַלט אריין אין ענגן חדר, —
שפּאָרט דער רבי ניט קיין כח
און נאַהייקעוועט כסדר.

2

יאָרן פויזען ניט, נאָר פליען
איינס נאָך איינס אויף ברייטע וועגן;
האָט זיך שטעטעלע צעהוידעט
און פארלאָרן אַלע ברעגן...

טעג אין רויט און נעכט אין פלאַמען,
היים צעצונדן און צעשאָסן...
האָט זיך יאָסל איבער ים׳ען
אויף אַ שיף אַהער געלאָזן.

„ס׳האָט אַ שאַנס דאָ יעדער איינער״ —
פלעגט ער הערן מענטשן זאָגן;
און געטראַכט האָט ער אין הארצן
מיסטער פאָרדן צו דעריאָגן.

יאָסל איז אין שאַפּ געגאַנגען
און געהאָר׳וועט, ווי אַן אייזל;
האָט ער שנעל געריבן וואָכן,
ווי שטיק פּעפּער אין אַ שטייסל.

שנעל געוואָרפן צווישן פינגער
האָט ער גלאַנצנדיקע נאָדל,
און געטראַכט שוין פון אַ תכלית
מיט זיין מיט־שאַפּ מיידל האָדל...

3

נאָר אין מיטן און דערינען,
וואָס זשע זיינען דאָס פאָר צייטן?
דרייט זיך איבער יאָסלס רעדל,
הויבן טעג זיך אָן צו בייטן:

וויניק ארבעט האָט זיין נאָדל,
דאָרט פון וואָך צו וואָך זיין „פיידע״;
זעט מען שוין ניט אים מיט האָדלען
שטאָלץ ארומשפּאַצירןביידן.

עפּעס איז אַ צייט געקומען
פול מיט ווינטעלעך מיט פּוסטע,
און פאַרשלעפּט זיין לעצטע פּרוטה
אין אַ מדבר אין אַ וויסטן.

קריכט ער אום — אַ בער מיט לאַפּעס, —
זוכן פאַר זיין נאָדל ארבעט;
נאָר צו וואָס אויף טרעפּ זיך דראַפּען,
אַז זיי שפּייען דיר אין שאַרבן?

הויבט זיך יאָסל אָן צו גריבלען
אין דער וועלט און אירע וועגן;
קומען פראַגן׳אָן, ווי כוואַליעס,
און דעם מח אים צעזעגן.

4

ס׳איז דאָך טאַקע אַ געלעכטער
און אַ וויטאָג בלויז אַ טראַכט טאָן:
דער, וואָס באָדט זיך אין גרוים וואוילטאָג,
וויל ניט מיטן האַנט אַ מאַך טאָן!

ניט אויף אַלץ געפינט ער ענטפערס,
איין זאַך האָט ער דאָך פאַרשטאַנען:
ס׳דאַרף צו אַלעמען געהערן
אַלץ, וואָס איז אויף ערד פאַראַנען.

אָפּט זיצט יאָסל איבער ביכער,
גריבלט זיך אין שוואַרצע פּינטלעך:
מער־ווערט, קאַפּיטאַל און סחורה . . .
וויל ער אַלץ דערגיין שוין גרינטלעך.

שווער דעם קאָפּ נאָך צו באַנעמען,
מח איז נאָך ניט צעאַקערט.
נאָר פאַרלאַנג צו לערנען פלייסיק
האָט זיך היים אין אים צעפלאַקערט.

* * *

יאָרן זיינען ניט קיין זשאַבעס,
ניט זיי שפּרינגען, נאָר זיי פליען;
אויף אַ רויען אָרט אַ וויסטן
וועט אַ בלום זיך נאָך צעבליען . . .

צו אַ מיידל

איך ווייס, אַז דיין האַרץ איז פאַרביטערט
פון שווערע און פיינלעכע יאָר;
ס'האָט חלום פון יוגנט צעגליטער
זיך קיינמאָל צעבליט אַף דער וואָר.

אָ, ליכטיקע מיידלשע טרוימען
פון שטערן, פון בלומען און פרייד,
פון ענדלאָזע זוניקע רוימען
מיט גליקלעכע סודות פאַרווייט!

אָ, איינזאַמע, נאַכטיקע שעה'ען,
אָ, בענקשאַפט פון שלאָפלאָזע נעכט, —
ווען ס'מורמלען אין אָדערן בלוטן
אַ ליד פון קיין א ו י ע ר דערהערט.

ווען ווינטן פון אַנדערע וועלטן
פאַר'שיכור'ן האַרץ מיט באַגער,
און ס'חלומען אוים זיך געשטאַלטן
אין שפּיגל פון אייגענער ט ר ע ר.

דאָס לעבן האָט האַרבסטיק געשניטן
פון חלום אַ שניט נאָך אַ שניט;
ס'האָט ו ו אָ ר איבער ערדישע בייטן
זיך אַנדערש, גאָר אַנדערש, צעבליט.

נאָר ווייס: ס'האָט ניט אַלע געזאַנגען
פאַרטראָגן די ווינטיקע נאַכט,
און ס'לאָזט זיך די יוגנט ניט פאַנגען
אָן ביטער-פאַרעקשנטער שלאַכט!

ס'וועט ווידער דער פלאַטער פון טרוימען
מיט זוניקער פרייד זיין צעגליט;
און ס'וועלן זיך טראָגן צום הימל
די רוישן פון יוגנט און ליד.

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

איך בויג אַ געהאָרכזאַמן אויער
צו האַרבע, פאַרביטערטע רייד;
עס טאָר, אָבער, איצטער נית באַנג טאָן
פאַר טעג, וואָס דער נעכטן פארוויט . . .

אַ שאַפּ אידיליע *

כ׳בין אַ מיידעלע אַ בראַווע,
כ׳אַרבעט לאַנגע טעג אין שאַפּ;
און מיין ליבסטער איז אַ חבר —
פונם שאַפּ אים אויסגעכאַפּט.

יעדן טאָג בא די מאַשינען
נייען קליידער מיר פון זייד;
פון דעם גרויאינקן באַגינען
זיצט מיין חבר בא מיין זייט.

ווען אין הארצן הויבט אָן זעגן
און דער קאָפּ ווערט מיד און שווער, —
קומט זיין שמייכל מיר אַנטקעגן
און זיין קלאָרן קול איך הער:

אך, וואָס איז דאָס פאַר אַ מינע
באַ אַ מיידעלע, ווי דו;
אַז מיר וועלן קאַמף געווינען
וועט שוין זיין אי פרייד, אי רו! . . .

כ׳קוק אויף אים מיט העלע בליקן;
ס׳טאַנצט מיין נאָדל ווידער גרינג,
און מיט פרייד פון נאָנטע זיגן
טוט אין הארץ באַ מיר אַ זינג!

ווען עס קומט דער גרויער אָוונט
שפּאַנען מיר אין זאַל אוועק;
און מיט לעניג׳ס וואָרט באַוואָפנט —
ווערט אונז גרינג דער שווערער וועג.

---

* זינגט זיך מיט דער מעלאָדיע פון „יאַ ציגאַנקאַ מאָלאָדאַיאַ״.

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

ס׳פוצן שטערן אוים דעם הימל
ווען מיר שפּאַנען שפּעט צוריק ;
און עס דאכט זיך, ווי אין דרימל,
זינגען שטערן אויך פון זיג . . .

מיין האַרץ אַנטקעגן וועלט

ס׳האָט אַ קוואַל זיך אויפגעריסן
און צעליכטיקט אַלץ אין מיר;
ס׳האָט זיך פרייד אַדורכגעשלאָגן
דורך מיין האַרצ׳ס צעפּראַלטער טיר.

שפּאַן איך שטאָלץ אין העלן דרויסן,
קושט די זון מיין פלינקן טראָט;
נעמט אַרום די וועלט מיין לעבן
אין אַ כּישופדיקער ראָד.

שטראַלט די ראָד אַרום צעלויטערט:
קראַנצן רויטע רונד־אַרום;
און פון אַלע העלע ראַנדן
טראָגט אַ רוף זיך הילכיק — קום!

פאַלן פון מיין לייב די לאַסטן,
ווערט אַ רויטע פאָן מיין גוף;
פלאַטער איך אַף לעבנס כוואַליעס,
מיט מיין האַרץ אַנטקעגן רוף.

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

צו אַ דיכטער

1

ביז וואנען ז׳דער שיעור זיך צו גריבלען
אין אייגענעם מיסט?
ס׳איז דער א י ך געגן כ ל ל אזוי טרויעריק דאַך,
אזוי וויסט!

ס׳קרייצן זיך איבער דעם ערדישן פלאך
ווייטע וועגן אָן צאָל...
צעעפן דיין אויג געגן זון
און —
אַ שפרייז איבער זאפטיקן טאָל!

נויג שטילער דיין אויער,
דערהער:
ס׳שפרודלט קרעפטיקס אין ערדישער לייב...
אזויפיל קאָלירפולער צווייט:

צעשפרייט דיינע אָרעמס און מונטערנדיק קלייב!
און זע:
דו — איינער,
און דאָרטן — מיליאָנען...
מיט אימפעט-פארטראָגענער דור פון דער ערד;
מיט ציטער פון ווייען,
מיט צאַפּל פון פריידן,
צו בויען
און שטייגן
איז יעדן פון אונז דאָ באַשערט!

2

נעפּל . . . רויך . . .
ריים אויף שטיקער און צעשמעטטער
און צו העכסטער הויך דערקלעטער!

ענג . . . עס שטיקט . . .
האַרץ אַנטבלויז אַנטקעגן שטורעם,
זעץ מיט האַס אין שונא'ס טורעם!

איינזאַם . . . אַליין . . .
טויזנט טריט דעם שליאַך באַטויבן,
פויסט צו פויסט אין דראַנג זיך הויבן!

אומעט . . . צער . . .
זאָל דיין אויג אין ווייט זיך ווענדן —
פרילינג-זון וועט דיך פאַרבלענדן!

חיים שווארץ

באַם ראַנד פון טאָג

ס'האָט דער טאָג מיט אומרו־פויסטן
איבער אַקסלען מיך געשלאָגן;
ס'האָבן שעה'ען בייז געהאַלטן
מיינע טריט אין שטויסן, יאָגן.

ניט געבלאָנדזשעט איבער וועגן
האָט מיין טראָט, פון לאַסט געבויגן;
ניט געוואָנדערט אין דער פינצטער
האָט דער בליק פון מיינע אויגן;

ס'איז געווען מיין שפּאַן ג ע מ אָ ס ט ן,
מיינע ווערטער אָ פּ ג ע װ ו אױ ג ן,
ס'האָט א י י ן ציל, איין לויטער־קלאָרער,
יונגן האַרץ אין מיר געצויגן.

אויסגעשעפּטע זיינען גלידער
באַ דעם טאָגס פאַרהילטע ראַנדן;
איז מיר גוט באַם ברעג אַ מידער
מיט מיין אומרו־יאָך צו לאַנדן.

כ'ציִ אראָפּ פון זיך דעם אימפּעט,
פון מיין האַרצן — אַלע לאַסטן;
און איך שווים אַוועק אין נאַכט־רו,
ווי אַ שיף אָף אַלע מאַסטן . . .

און קומען א צייט וועט...

און קומען אַ צייט וועט
ווען איך וועל אַ זינג טאָן
ווי איך האָב נאָך קיינמאָל
ביז איצט ניט געזונגען.

און טראָגן וועט ליד זיך
אין איטלעכן ווינקל,
מיט זוניקע שטראַלן
אין נאַכטיקן טונקל.

און וואו נאָר אַ וועלדל,
און וואו נאָר אַ בערגל, —
וועט שונא אין שרעקן
זיך שטיקן און ווערגן.

און פריי וועלן וועגן
און פעלד־בייטן ווערן;
און ס׳וועלן זיך קושן
די זון מיט די שטערן.

און ס׳וועט אַ צעשטראַלטער
דאָס אויג זיך דערהויבן —
צו ליכטיקע רוימען,
צום זוניקן אויבן.

און קיינער וועט צאָרן
אין האַרצן ניט טראָגן:
ס׳וועט מענטש אין זיין לעבן
בלויז יום־טוב פאַרמאָגן.

באם ברעג פון מיסיסיפי

חיים שווארץ

באַם ברעג פון מיסיסיפּי

(פּאָעמע)

1

עס ציט זיך ווייט דער קרומער ברעג
און ס'שטייגט אַרויף אַ בייזער כליפּען, —
דאָס קייקלט מיד פון לאַנגן וועג
די כוואַליעס מיסיסיפּי.

פאַרצייטנס האָט דאָ, ניט־געשטערט,
געשטראָמט דער „פאָטער פון די טייכן״;
איןברייטן טאָל האָט ער די ערד
געזעטיקט אין זיין בלינדן שלייכן.

געטריבן פונ'ם גאָלד־פאַרבלענד
האָט פרעמדער פוס זיין ברעג פאַרטראָטן;
עס האָט צו אים געשטרעקט די הענט
דער הייסער שפּאַנער־זון דע־סאָטאָ.

פאַר זיינע הערשער אוצרות־קוואַלן,
האָט ער געפּאַרשט, דער זון פון שפּאַניע;
און ס'זיינען שבטים אינדיאַנער
אין קרייץ פון קוילן־פלאַם געפאַלן.

און ווען ס'האָט טויט געריבט די ליכט
פון זיינע דורשטיק־הייסע אויגן, —
האָט מיסיסיפּי זיין געזיכט
אין אירע תהום'ען איינגעזויגן.

און וואָרט האָט מען אין ווייט פאַרשפּרייט
צווישן פעלקער אינדיאַנער:
ווייס־הויטיקער באַהערשט דעם טויט,
מיט אים איז אייביקייט פאַראַנען.

און ווייטער וואַלגערט וואל נאָך וואל
און ס'רוט ניט שטאָלצע מיסיסיפּי;
דורך ברייטן טאָל, דורך פעלד און וואַלד,
געמורמלט האָבן אירע ליפּן.

און וויפל אומרואיקע קעפּ
האָט מוטנער וואַסער־שטראָם פאַרשלונגען?
און וויפל הייסע טריט פאַרשלעפּט
האָט ט י ף מיט וואַסערדיקע צונגען!

עס האָט געצויגן נייע ערד
געוואָגטע זוכער פון דערווייטן:
אַז איינעם האָט דער טויט צעשטערט —
פלעגט אים אַ צווייטער באַלד פאַרבייטן.

2

ס'האָט ניט איין האַרץ מיט דורשט געקוואַלט
און האָט נאָך גאָלד אין ווייט געשטויסן:
ס'האָט אויך צעזעגט פראַנצויז לאַ סאַל
דער מיסיסיפּיס כוואַליעדיקע שויסן;

פון צפונדיקן קאַלטן לאַנד
ביז הייסן גאָלף־ים מעקסיקאַנעם, —
ביז ס'האָט פאַרצווייפלט און פון שאַנד
זיין לאַגער אים געפּרעגט: ביז וואַנען?

נאָר ניט געוואָלט האָט גיין צוריק
לאַ־סאַל — פון רום־גלאַנץ אַ פאַרבלענדטער;
און ס'האָט די מאַנשאַפט אים דערשטיקט
מיט הענט פון צאָרן אָנגעברענטע.

נאָר איינמאָל האָט, פון שווימען מיד,
אַ זעגל שיף צום ברעג פאַרהינעט;
און ס'האָט דער פעל־סוחר לאַקליד
אַ בוים צעהאַקט פאַר ערשטן בנין.

און ס'קומען טעג און ס'גייען טעג
און, ווי די כוואַליעס, יאָרן פליסן;
און ס'האָט זיך האַרט אַרום דעם ברעג
צעבויט אַ סוחרישער ישוב.

אָט דאָס געווען איז דער יסוד
פון איצט-צעוואקסענעם סט. לואיס ;
ניט איינער האָט, אַ נע-ונד,
געזוכט אַ היים דאָ און ישועות.

פון אַלע עקן האָט אַהער
געצויגן, מענטשן-שטראָם דורך יאָרן ;
און, ווי ס'איז ניט געווען דאָ שווער,
האָט זיך געדאכט : ס'איז גרינג געוואָרן.

אזוי צעוואַקסט האָט זיך אַ שטאָט
באַם מערב-ברעג פון מיסיסיפּי ;
מיט טעמפּלען הייליקע פאַר גאָט,
מיט זאַפט פון רוי-ערד אַף די ליפּן.

3

און צוגעקוקט האָט פאָטער-טייך
צום שווערן יאָך באַ זיינע ברעגן :
ס'האָט טאָל מיט באַרג זיך אויסגעגלייכט
און זיך פאַרקניפּט מיט לענטעס-וועגן.

ס'האָט מענטש געמאָסטן שטומן פעלד,
די ערד געאַקערט, ברויט געשניטן ;
מיט פרייד פון מי זיין הויז געשטעלט
אַף רו און װ ו א ך די נאַכט צעביטן.

און וויפל שיפן פלעגן גיין
מיט פעל באלאָדן ביז די שפּיצן ?
דאָס האָט, מיט קרייץ פון ווייסע ציין,
שווארץ-הויטיקער געפּאקט אין היצן . . .

און ווער האָט טרערן דאַן געציילט,
און ווער האָט צער פון קנעכט פאַרנומען ?
ס'האָט מיסיסיפּי וואונד געהיילט
אין שעה'ען נאַכטיקע און שטומע.

אין כוואַליעס־רויש געשוימט האָט פּיין
פון לייב צעשניטענער פון קייטן;
און זייער ליד — אַ בעכער ווייַן,
וואָס האָט געשטילט דעם ווייטיק . . .

4

פון לענדער ווייטע איבער ים,
פון שטרעקעס הייסע אַפריקאַנער, —
האָט האַר די זין פון שוואַרצן שטאַם
געבראַכט אַהער אין קייטן־קלאַמער.

פון מאַמעס אָפּגעריסן זין,
און פון אַ קינד פאַרצוקט אַ טאַטן;
און דאָ האָט זיי, ווי אָקס אין מי,
געשפּאַנט ווייס־הויטיקער פּלאַנטאַטאָר.

וואו נאָר אַ פעטע שטיקל ערד,
און וואו צעאַקערט איז דער באָדן, —
אין פּראַצע דיינס, אין בלוט און טרער,
איז יעדער שפּאַן דאָ אויסגעבאָדן.

אָ, ברודער מיינער, מיטן בליק
פון הייסע אומרואיקע פונקען:
אַף נייער ערד האָט זיך פון גליק
דיר קיינמאָל ניט געזונגען.

און ווען איך טרעט אַף גאַס בראָדוויי
און זע צעהויקערטע געביידע,
אַף וועמעס טרעפּ דיין שטומען ווי
מען פלעגט אַף גאָלד־רענדלעך פאַרבייטן, —

גייט אויף אַ פלוך צו טיפער שאַנד
אַף מיינע זינגענדיקע ליפּן;
און גרוסן שיקט מיט פרייד מיין האַנט
באַפרייטן שטראָם פון מיסיסיפּי!

סט. לואיס, 1935

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

סט. לואיס

אַט דאָ אינם טאָל,
באַם טייכישן ברעג —
פאַרקריצט מיין טראַט
מיט אומרו דעם וועג.

ס'איז מוטנע דער שטראָם
פאַרוויכערט דער טאָג ;
ווילט זיך פון הי
זיך געבן אַ טראָג !

מיט יוגנט אין בלוט,
מיט אומרו אין שפּאַן, —
אַ, טראָג מיך אין ווייט,
פאַרסאָפּעטער באַן !

צעעפן די טיר —
מיין בענקשאַפט פאַרשלינג ;
מיט אימפּעט פון רעדער
פאַרוויג און פאַרזינג . . .

דעם יאָגנדן באַן
אין גרווילעכן טאָל —
מיין אומרו שרייט נאָך
מיט פאַרכלינעטן קול . . .

נאָר ס'קומען שוין טעג
אַזעלכע אַהער,
וואָס וועלן דיין טראַט
ניט צאַמען שוין מער.

איך הער שוין דעם קול
און דאָס ליד איך פאַרנעם,
וואָס וועט רויִקע שטאָט
באַפרייען פון קלעם ;

און ס׳וועט בענקענדער צער
זיך פֿאַרנעמען אין וועג;
גאָר אַנדערש אַ רויש טאָן
וועט טייכישער ברעג!

מיט רוישיקן שטראָם
וועט זיך ציען די פֿרייד;
אַף טויזענטער מייל
וועט זי ווערן צעוויט.

* * *

איז וואָס, אַז דערווייל
איז נאָך שווערלעך דער טראָט?
און ס׳וויגט זיך אין קלעם
מיין פֿאַרויכערטע שטאָט?

איך הער דעם גערויש שוין
פֿון שניידנדן ווינט,
וואָס וועט געבן אַ וויג
און אַ טראָג און אַ צינד —

און די לאַסט וועט פֿאַרגיין
מיט ווינטיקן רויך,
און קאַיאָריקע פֿרייד
וועט אַ שפּאַלט טאָן די הויך...

סט. לואיס, 1935

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

שפּיטאָל לידער

1

עס קומט דער דאָקטער יעדן טאָג
און פילט מיין האַנט-פולס; שלאָג נאָך שלאָג . . .

און יעדן טאָג מיין קאָפּ באַרירט,
און רייבט און גלעט און זאַלבט און שמירט;

איך ווייס ניט וואָס דער פּולס אים זאָגט;
נאָר אָט אזוינס מיין האַרץ פאַרמאָגט,

וואָס שונא'ס זעץ האָט ניט צעקלאַפּט
און פון מיין בלוט — ניט אָפּגעצאַפּט:

די גרויסע לעבנס-פרייד, וואָס בריט
און קוואַלט און שפּרודלט אין מיין ליד.

און פון מיין קאָפּ דאס שטיקל ביין
— ווי אַ מטבעה'לע די קליין —

וואָס איינגעקלאַפּט האָט האַנט פון באָס
מיט פלינקן, כיטרן, האַמער-שאָס;

און וואָס דעם דאָקטערס האַנט, געאיילט,
מיט מעסער-שאַרף האָט אויסגעפּיילט, —

האָט אין מיין מאַרך ניט אָפּגעשוואַכט
פון קאַמף-געדאַנק די קלאָרע מאַכט.

איך וואַרט שוין איצט אויף גוטער שעה,
ווען כ'וועל אראָפּ פון בעטל דאָ;

ווייל, ווי אַ כוואַליע ציט צום ים,
און ברעכט אין וועג אַ יעדן צאָם —

אזוי ציט האַרץ צוריק אין ריי,
וואו פרייד פון קאַמף היילט יעדן ווייי.

2

די זון האָט אַ פרישע,
נאָך נעכטיקע רעגנס —
צעלייגט זיך אויף טישלעך אויף בעטלעך און ווענט ;
און ס׳האָבן די קראַנקע
פרימאָרגן באַגעגנט :
מיט שטראַליקע אויגן, מיט אומרו אין הענט.

די זוניקע סנאָפּעס
דורך שויבן זיך פלעכטן,
ווי לענטעס אין מיידלשע כוואַליקע צעפּ ;
און ס׳רייסט זיך פון ברוסטן
אַ שטומער געלעכטער
און ס׳הוידן זיך קראַנקע פארחלומטע קעפּ.

דערוואַכן גערוישן
אין בלוילעכן דרויסן,
פון אייליקע רעדער — די שטאָלענע טריט ;
עס ציען אין דרויסן
די שטאָטישע גרוסן,
און כ׳שעם זיך צו ליגן אין וואונדן צעגליט.

3

מיט סאַמעט-טריט, וואָס קיינער הערט,
די נאַכט פאַרקלייבט זיך אויף דער ערד,

אויף קוימען-שפּיצן, דאַך און ראָג;
און שטילערהייט גיט זיך אַ יאָג

דורך בלינדער שויב אין הויז אריין
און טרייבט ארוים די לעצטע שיין,

און וויקלט איין, ווי מיט אַ פאָן,
דעם לעצטן קרעכצענדיקן טאָן;

און יעדע וואונד מיט רו פאַרגלעט,
און קושט אַ יעדן בלוט-פלעק.

ווי מידע זעלנער נאָך אַ שלאַכט,
אונז צערטלט שטילקייט פון דער נאַכט;

און אָן דעם דינסטן ווערטער-קלאַנג
שוועבט איבער אונז איר טרייסט-געזאַנג . . .

1935

מיט קינדערשע טריט

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

באַ די קינדערשע בעטלעך

איך שטיי באַ די קינדערשע בעטלעך,
— צוויי קעפּלעך אין נאַכט־רו פאַרוויגט —
און ליכטיק ווערט פלוצלונג אין האַרצן
פון זוניקן, פאַטערשן גליק.

אין הויז אַזאַ לויטערע שטילקייט,
— אוועק זיינען לאַנג שוין די געסט —
איך בויג צו די בעטלעך מיין אויער
און מעסט זייער אָטעם און מעסט.

און זיסער פון מייאיקע ווינטלעך
באַהויכט זייער אָטעם מיין ברוסט;
און פרייד, אַזאַ פרייד אַזאַ מאָדנע,
האָט קיינמאָל מיין האַרץ נית געוואוסט.

אוועק איז אַ טאָג אַ פאַרשייטער
מיט הימלען צעוואַשן פון ליכט . . .
נאָר העלער פון זונען מיר שיינט איצט
פון בעטעלעך יעדנס געזיכט.

און איטלעכער שמייכל איז לויטער,
און זון־ליכט — אין איטלעכן בליק;
און ס'ווילט זיך אָן אויפהער זיי צערטלען,
צום האַרצן אַ הויב און אַ דריק . . .

צום האַרצן אַ דריק אַזאַ שטייפן,
אין לופטן אַ הויב און אַ דריי,
און בלויאינקע אויגן צעקושן
און בלאָנדינקע קעפּעלעך צוויי . . .

איז וואָס קאָן זיין שווער פאַר אַ מאַמען,
פאַר טאַטן — וואָס קאָן שוין זיין שווער?
און ס'ווילט זיך ביז וויטיק באַנייען
דאָס לעבן אַף בלוטיקער ערד;

אַז גרינגער זאָל זיין זייער טראָט שוין
און לייכטער אַף פּלייצעס די לאַסט ;
זיי זאָלן דאָס לעבן ניט האָסן
ווי מיר האָבן אָפּטמאָל געהאַסט.

און פריי זאָלן וועגן פון לעבן
צעפראלט זיין פאַר קינדערשן בליק ;
זאָל טאָג זייערס רוישיק זיך וויגן
אַף כוואליעס פון מענטשלעכן גליק.

* * *

כ׳שטיי לאַנג בא די בעטלעך צעקאָפּנס
און כ׳שלייך קוים אַף פינגער פארביי . . .
און ליכטיק ווערט פּלוצלונג אין האַרצן
און קלאָר ווערט : ס׳איז אַלץ שוין קעדיי.

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

א י צ י ק ל

1

עס קאָנען אים אלע אין געגנט
און וואו נאָר מען קלייבט זיך צענויף:
ס'דערקאָנען שוין אלע פון ווייטן
זיין אימפּעדיק דריי און זיין לויף.

ס'האָט יעדער אים ליב, אָט דעם קליינעם,
מיט אומרואיק-לוסטיקע טריט;
ס'הילכט אָפּ מיט אַ פרייד זיין געלעכטער
וואָס אלעמענס הערצער צעבריט.

אָט איז ער בּאַם טיש מיט די קינדער,
נאָר ס'ווערט אים דאָ ענג מיטאַמאָל;
ער גיט זיך אַ ריר און ער ווערט ניט,
ער קייקלט זיך אָפּ, ווי אַ באָל.

איר קאָנט אים אַמאָל אויך געפינען
פאַרנורעט און שטיל אונטער טיש,
און אָפּט ווערט דער יאָטל פאַרפּלנאָנטערט
דאָרט צווישן דערוואַקסענע פיס.

ניט איינמאָל ווערט איציק פאַרפאַלן
און ס'העלפט ניט דאָס זוכן קיין סאַך;
ניט איינמאָל געפינט אים זיין מאַמע
גאַנץ הויך אויף אַ שכנ'ס אַ דאַך.

אים העלפט ניט קיין בייזע געשרייען,
אים קאָנען ניט צאַמען קיין רייד;
ער שאלט אוים אַ הילכיק געלעכטער
און ווידער פאַרשפּילט זיך פאַר פרייד.

2

נאָר אַט קומט אַ טאָג אַזאַ מאָדנער,
עס ברענגט אים זיין מאַמע אין שול;
און מאָדנע ווערט איציקן פריילעך
אין צימער מיט קינדערלעך פול.

באַקוקט ער די ווענט מיט די בילדער
— פון איינעם קוקט לענין אראָפּ —
און ס'דאכט זיך: דער מאַן קוקט פון אויבן
אַף איציקס צעטומלטן קאָפּ.

ס'איז איציקן שווער צו באַנעמען
וואָס אידישער לערער דערציילט,
און פילט: ווי אַן אייזערנע ווענטל
וואָלט אים פון ארום נאָך צעטיילט.

נאָר מונטער איז שמייכל פון לערער
און הארציק איז איטלעכעם וואָרט;
זיצט איציק אַ שעה אויפן בענקל
און גיט זיך קיין ריר פונם אָרט.

אוועק זיינען וואָכן נאָך וואָכן
מיט אימפעט מיט נייעם פארפולט;
ביז איינעם אַ פריילעכן אָוונט —
אַ יום-טוב פאַר קינדער פון שול.

דער זאָל איז דאַ גראַם און באַלויכטן,
מיט בודעם ארום אויסגעשטעלט;
און ס'וואַרטן אויף טישן אַרטיקלען
אין בליץ-שיין פון לאָמפּן צעהעלט:

אַ לעדערנער רעקל און זאָקן,
און קליידער, און מאַנטלען, געשיר,
און לעפל און גאָפּל און צירונג,
און וואורשטלעך און אייז-קאַלטער ביר.

דער עולם שפּאַצירט זיך געמיטלעך
מיט לאַנגזאַמע, שווערלעכע טריט;
מען קלייבט פֿאַר זיך אָפּ אַן ארטיקל
און ווידער מען שפּאַנט אין דערמיט.

עס מישן זיך אלערליי קולות
פֿון איין עק ביז צווייטן עק זאַל:
דאָ הערט זיך אַ קלאַפּ פֿון אַ האַמער
און דאָ טוט אַ יאַטל אַ פֿאַל.

3

נאָר פּלוצלונג ווערט שטיל דער גערודער
און יעדערער לויפֿט צו זיין שטול
עס וועלן אַ שפּיל אויף דער בינע
איצט ווייזן די קינדער פֿון שול.

ס׳ווערט טונקל דער זאַל און פֿארשוויגן,
דער פֿאָרהאַנג ווערט לאַנגזאַם פֿארשאַרט;
די בינע, וואָס העל איז באַלויכטן,
מיט קינדער באַזעצט איז — אַ פּראַכט!

די הויזן און קליידלעך — פֿילפֿאַרביק,
די אויגעלעך ליכטיק צעגליט;
און צווישן — מיט אויגעלעך שוואַרצע —
זיצט איציקל שטיל אינדערמיט.

ער זיצט מיט די הענטלעך פֿארלייגטע
און זינגט מיטן קינדערשן כאָר:
אַ מעשה׳לע וועגן אַ פֿירער,
א לאַנד און א גליקלעכן דור.

ניט מער שוין דער אומרואיק-ווילדער,
ווי פֿרילינג-צעלאָנזענער טייך —
נאָר רואיק און שטיל און פֿאַרוואונדערט
זיצט איציק מיט אַלעמען גלייך.

עס וואונדערט זיך איצט אויך דער עולם
און איינער דעם צווייטן — א שלעפּ:
ס'האָט דאכט זיך דאָס יאָטל באַדאַרפט איצט
זיך קייקלען אראָפּ פון די טרעפּ!

און זע נאָר: ער זיצט אויף דער בינע
מיט אויגעלעך זוניק צעפלאַמט;
אַ שמייכל אַ ברייטער אויף ליפּן,
די האָר אזוי ליבלעך פאַרקאַמט.

עס שטאַרט צו דער בינע דער טאַטע
און ס'שטיקט אים פון טרערן אַ קנויל;
עס זיצט אַ פארגאפטע די מאַמע
מיט שמייכל פון גליק ארום מויל.

נאָר אָט איז די שפּיל שוין פאַרענדיקט
און ליכטיק ווערט פלוצלונג אין האָל;
עס קלאַפּן שוין הענט אָן אן אויפהער
און ס'טופּען שוין פיס אָן אַ צאָל.

און ס'ווילט זיך, אַז איציק זאָל וואַקסן
מיט ליבע צום אמת באַזעלט;
און זאָלן אים פירן די וועגן
אין קאַמף פאַר אַ שענערער וועלט.

חיים שווארץ

אונזער שול

אוועק זיינען טעג פון סעפטעמבער,
אוועק זיינען היצן פון יולי;
עס קלאפן שוין ווידער די קינדער
אין טיר פון דער ארבעטער-שול.

פון גאסן, פון ראגן און געסלעך,
פון הייזער מיט זארגן און יאך —
זיי שפאנען מיט ליבשאפט אף טרעפלעך
צום אנהויב פון לערנדער וואך.

א טישל א קליינער אין ווינקל,
און בענקלאך — צעריבן און אלט, —
נאר ווייכער און מוטיקער שמייכל
דאס פנים פון לערער באשטראלט.

די קינדער באקוקן די ווינקלען
דאס אויג זייער שול האט דערקענט;
עס קומט זיי אנטקעגן דער לערער
און חבריש דריקט זיי די הענט.

און ליב איז צו זיצן אויף בענקלאך
און הערן וואס לערער דערציילט:
... די מענטשן אין לאנד בא אונז זיינען
אף ארים און רייך נאך צעטיילט.

נאר ס׳איז שוין א לאנד אויך פאראנען,
וואו קיינער בארויבט מענטשנס מי;
וואו יעדער שטייט אויף צו דער ארבעט
מיט ליכטיקער פרייד און-דער-פרי.

דער לערער דערציילט און דערקלערט זיי
מיט קלוגע און הארציקע רייד;
און אלעמען דא אויף די בענקלעך
כאפט אן אזא זוניקע פרייד.

זאָל זיין, אַז ס'איז אָרעם די שול נאָך
און טישן און בענקלעך — שוין אַלט ;
זאָל זיין אַז אין פראַסטיקן ווינטער
איז קינדערשע גלידער דאָ קאַלט, —

נאָר נייער פון נייסטער געביידע
איז וואָרט פון אַ לעבן פון פרייד ;
און ווארעם צעצונדן ווערט צוקונפט
דורך פשוטע, חברשע רייד.

1935

איבערזעצונגען

חיים שווארץ

דאָס ליד פון הימלאַנד

רוסיש — וו. ליעבעדיעוו־קומאטש.

ווייט פון מאָסקווע ציען זיך די וועגן
ביז די ווייטסטע ראנדן פונם לאַנד;
איבעראַל גייט אום דער מענטש אַ פרייער,
זיינס איז יעדעס ווינקל, וואו ער שפּאַנט.

פול און קרעפטיק, ווי די פרייע וואָלגע,
כוואליעט אונזער לעבן אַף דער ערד;
יעדע טיר צעפראלט איז פאַר דער יוגנט,
און די עלטער ווערט באַ אונז געערט.

צוזינג:

ברייט צעוואָרפן איז מיין לאַנד מיין טייערס
איבער טייכן איבער וואַלד און פעלד;
ס'האָט זיך קיינמאָל נאָך אַ לאַנד אין ערגעץ
אָט אזוי צעלויכטן אַף דער וועלט.

מיטן אויג די פעלדער ניט צו מעסטן,
ניט צו ציילן די צעבליטע שטעט;
אונז איז דאָך דער שטאָלצער נאָמען חבר
הארציקער פון אַלץ, וואָס ווערט גערעדט.

פאַר דעם וואָרט צעשמעלצן אלע צאָמען
פון קאָלירן ראַסן אינם לאַנד;
און וואוהין דיין טראָט זאָל דיך ניט ברענגען, —
פריינטלעך וועט באַגריסן דיך אַ האַנט.

קיינער ווערט פון אונזער טיש פאַרשטויסן,
און פאַר מי ווערט יעדערער באַלוינט.
סטאַלינס אלפארבאנדישע געזעצן
האָבן מיר מיט העלדן־רום געקרוינט.

ס׳וועלן דורות לאנגע ניט פארמעקן
אמת קלארן, ליכטיקן, ווי זון:
„ס׳האט דער מענטש אף אלעמאל געוואונען
רעכט אף לערנען, ארבעט און אף רו״.

ס׳ווייט בא אונז אין לאנד א פרילינג-ווינטל,
און דאס לעבן — פריילעכער עס ווערט;
לאכן, ליבן קאן מען ניט אין ערגעץ,
ווי מען לאכט און ליבט אף אונזער ערד.

אויב באפאלן וועט דער פיינט אונז וועלן —
וועט א שווערד א בלאנק טאן אין דער האנט!
אונזער לאנד מיר היטן, ווי א שוועסטער,
ווי א מוטער, ליבן מיר דאס לאנד.

ח י י ם   ש װ א ר ץ

מאָסקװע

רוסיש פון ליעבעדיעװ-חװמאַטש.

1

העל באַלױכטן אין פרימאָרגן
װערן קרעמלס אַלטע װענט;
ס'גאַנצע לאַנד דערװאַכט אָן זאָרגן
און מיט פרייד טוט העל אַ בלענד!

לעצטער שאָטן װערט פאַרשװאונדן;
ס'רױשט די שטאָט פון ראַנד ביז ראַנד;
אַ גוט מאָרגן, שטאָט פון װאונדער,
האַרץ געזונטע פון מיין לאַנד!
צוזינג:

די פריילעכע און מעכטיקע,
פון קיינעם ניט באַזיגבאַרע!
אָ, פאָטערלאַנד! אָ, מאָסקװע מיין!
געליבטע און גערעכטיקע.

2

פריילעך װערט דער טאָג צעפלאַקערט,
ס'ברױזט אין דרױסן, װי אַ ים;
פון די שול-פענצטער צעפּראַלטע
שטראָמען קולות אומגעצאַמט.

איבער בריטע יום-טוב װעגן
פליסט אריין אין שטאָט דער מאַי,
און צעגיסט זיך, װי אַ רעגן,
מיט געזאַנגען שטאָלץ און פריי.

3

זון, דו מאַיאַיקע, פון הימל
טו זיך ליכטיקער אַ וויג!
ביז די העכסטע קרעמל-טורעמס
זאָלסטו דערטראָגן אונזער גליק.

אַז נאָך העלער זאָל צעשטראַלן
יעדער זיג פון אונזער לאַנד;
און דער פירער, חבר סטאַלין,
זאָל אונז גריסן מיט זיין האַנט.

4

שטילט זיך איין דער טאָג-געפילדער,
קומט דער אָוונט און דערפרישט;
און די שטאָט — אויפסניי און ווידער —
ווערט מיט פריילעכקייט באַגריסט.

ס׳איז די שעה, וואָס פאַרלעך גאַרן, —
טראָגט זיך לייכטער יונגער טראָט;
איבער סעדער און בולוואַרן
ווערט צעגאָסן מאָסקווע-שטאָט.

5

ס׳איז אויף טאָג די נאַכט איצט ענלעך:
ס׳באָדט אין שיין, זיך יעדעם גליד;
העי, דו ברודער! העי, דו חבר!
טו אַ זינג מיט אונז דאָס ליד!

זע: עס זינגט אויף העלע טענער
אונזער ערד, געזונט און פריי;
ס׳איז ניטאָ פון דיר קיין שענערס,
אונזער פרילינג, אונזער מאַי.

6

אין דער מאָסקווע־טייך דער שטילער
קוקט אריין שוין דער פארטאָג;
בלויז פון שיף־סירענעם ווייטע
טוט א ליד זיך אַ צעיאָג.

לעשט דער הימל אויס די שטערן,
קרעמל־זייגער טוט אַ שלאָג;
גיי געזונט, דו ליבער נעכטן,
אַ גוט מאָרגן, נייער טאָג!

עך, איבער וועגן

רוסיש פאָלקס־ליד

עך, איבער וועגן,
עך, איבער וועגן,
איבער וועגן פלאַטערט מונטער אונזער גאַנג ;
עך, מעכטיק טראָגט זיך,
עך, מעכטיק טראָגט זיך,
מעכטיק טראָגט זיך רויט ארמייאישער געזאַנג.

עך, אונדערשראָקן,
עך, אונדערשראָקן,
אונזער גבורה גייט מיט שונא אין געוועט ;
עך, אייביק לויכטן,
עך, אייביק לויכטן,
אייביק לויכטן וועט דער שטערן פון סאָוועט.

עך, מירן ווייזן,
עך, מירן ווייזן,
מירן ווייזן שטאָלץ דער גאַנצער וועלט,
עך, ווי אין שלאַכטן,
עך, ווי אין שלאַכטן,
וועט זיך יעדער שלאָגן, ווי אַ העלד.

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

דאָס ליד פון קאָזאַקן

פון דער אָפּערא „רוי-ערד"

רוסיש פון ליעבעדיעוו-קומאטש.

עס זיינען רייטער איבער סטעפּ געפלויגן
דורך טעג און נעכט מיט אומגעצאמטע טריט ;
אַף פעלדער האָט דער ווינט דעם גראָז געבויגן
און ווייט צעטראָגן דאָס קאָזאַקן-ליד.

זינג לוסטיק, שטילער דאָן, דו טייך געטרייער,
זיי שטאָלץ מיט יעדן ניי-צעגרינטן פעלד ;
אָ, היימלאַנד אונזערע, איר דערפער פרייע :
פאַר אייך וועט יעדער קעמפן ווי אַ העלד !

אין חושך האָבן מיר געלעבט דורך יאָרן,
נאָר ליכט געבראכט האָט סטאַלין אונזער פריינט ;
די ערד איז ווי אַ מאַמע אונז געוואָרן,
די זון האָט העלער קיינמאָל ניט געשיינט.

ס'איז פול מיט רייכער שפע יעדער שייער
און פריי איז יעדער טאָג באַם דאָנער ברעג ;
העי, ניט אומזיסט געפלויגן איז אין פייער
קאָזאַקן-פּאָלק אַף יעדן שליאַך און וועג !

און אַז דער שונא וועט דאָס לאַנד באַפאלן
איז גרייט דער פערד, די ביקס און בלאַנקער שווערד;
מיר וועלן דאָס געזאַנג פון זיג צעשאלן
פאַר פרייער מי און ליבער מוטער-ערד.

און ווידער וועלן רייטער פריי זיך טראָגן
דורך טאָג און נאַכט מיט אומגעצאַמטע טריט ;
ס'וועט ווידער ווינט די גראָז פון פעלדער בויגן
און ווייט צעטראָגן דאָס קאָזאַקן ליד !

ד ע ל א

טאַנץ־ליד פון טערסקע קאָזאַקן.

רוסיש — ה. וולאַדימירסקי.

1

זאָל שוין גענוג זיין
לאָזן זיך דריקן;
ס׳הויבט אָן צו פלאַצן
פינצטערער לגן.

צוזינג:

דעלא . . . דעלא . . . דעלא . . .
ס׳הויבט אָן צו פלאַצן
פינצטערער ליגן.

ציטערט און פלאַטערט,
רויבערשע פאָנען!
ס׳קומען קאָזאַקן
רעכענונג מאָנען.

צוזינג:

דעלא . . . דעלא . . . דעלא . . .
ס׳קומען קאָזאַקן
רעכענונג מאָנען.

חיים שווארץ

דאָס ליד פון בורלאַקעס

רוסיש — אַ. קלאַיטשעוו.

איבער ווייכן גרינעם סאַמעט,
באַ דעם לאַנגן וואָלגע-ברעג
ציען הענט אין שטריק געקלאַמערט
שיף געלאַדענע דורך נעכט און טעג.

ניט קיין שיף באַ ברעגן קרומע,
נאָר דאָס לעבן ווערט געשלעפּט;
ניט אין סאַמעט, ניט אין בלומען, —
פּיס אין קייטן איינגעוועבט.

און ווי לאַנג עס וועלן שניידן,
ווי מיט מעסער, אָט די שטריק, —
וועט די וואָלגע ניט פאַרבייטן
בייזן רויש אַף ליד פון גליק.

דאָס ליד וועגן פּאַרטיזאַן

רוסיש — א. סורקאָוו.

פאַרוואָס וואַרפסטו זיך פערדל פאַרטרויערט?
און וואָס האַמערט דיין פוס בייז אין טויער?

ס'רינט דאָס בלוט פון פאַרוואונדעטער הויט:
זאָג נאָר: ווער האָט דיין רייטער געטויט?

האָט דיין פערדישע קראַפט ניט געטראָגן
פּאַרטיזאַן איבער וועלט אומדערשראָקן?

האָסטו פלינק ניט די שטורעמס אַנטקעגן
דורכגעשוועבט אַלע סטעפּישע וועגן?

איז פאַרוואָס האָסט פון שווערד ניט, בולאַנער,
היינט געראַטעוועט דעם פּאַרטיזאַנער?

קאָן איך גיין אין פאַר'יתומ'טער כאַטע?
וואָס קאָן טרייסטן די קינדער פון טאַטן?

ס'איז אומזיסט זייער וואַרטן און האָפן:
ס'האָט אַן אומגליק אַ גרויסער געטראָפן...

באַ דעם פענצטער, יתומים, ניט וואַרט מער,
ס'וועט ניט קומען דער פאָטער געגאַרטער...

ניט אַרומנעמען אייך און ניט גלעטן,
אַף די קני מער צו זיך אייך ניט זעצן...

אָ, דו גורל פון וויסטער אַלמנה,
טו אַ וויכער אַף פיינט מיט נקמה.

ווי אַ בליץ זאָלסט דעם שונא דעריאָגן,
ווי אַ דונער זאָלסטו אים דערשלאָגן!

זאָל אַף אייביק די נאַכט אים צעדריקן,
זאָל זיין אייגענע בייז אים דערשטיקן!

זיינע קינדער פאַרשאָלטן זיין זאָלן
מיט דער וויסטער אלמנה׳שער קללה.

ער וועט ענטפערן הערסטו, בולאַנער?
ער׳ט באַצאָלן פאַר בלוט פאַרטיזאַנער!

דער טויט פון טשאַפּאַיעוו

פון רוסיש.

אַף סטעפּעס אוראַלער ליגט פינצטערע נאַכט;
דער שונא אין חושך אַלץ נענטער זיך שאַרט.
ס'וועקט קיינער פון שלאָף ניט טשאַפּאַיעוון היינט, —
די וועכטער פאַרנומען האָט בלוטיקער פיינט.
אוראַל, אוראַל, דו טייך אוראַל!
קיין פייערל, קיין קנאַל . . .

די ביקס אין זיין האַנט טוט טשאַפּאַיעוו אַ נעם:
העי, ברידער, גענוג שוין חלומות געזען!
עס הילכט פּוליעמיאָט, איבער שונא ער שלאָגט,
ביז אומרואיק ווייזט זיך דער גרויער פאַרטאָג.
אוראַל, אוראַל, דו טייך אוראַל!
ס'איז אומעטיק זוניקער שטראַל . . .

די קוילן די לעצטע — דעם שונא אין וועג
און האַסטיק געלאָזט זיך צום אַנדערן ברעג.
עס יאָגן אַן אויפהער די קוילן פון פיינט —
שווימט מוטיק טשאַפּאַיעוו, פאַרוואונדעט אין האַנט.
אוראַל, אוראַל, דו טייך אוראַל!
זיין אָרעם טוט מאַכטלאָז אַ פאַל . . .

די קויל האָט דעם פירער אין וואַסער דעריאָגט;
עס וואַרפן אים כוואַליעס, דאָס וואַסער אים טראָגט.
אין גרויזאַמן טיף גייט טשאַפּאַיעוו אַראָפּ. —
דער טייך האָט געקרייזלט זיך איבער זיין קאָפּ . . .
אוראַל, אוראַל, דו טייך אוראַל!
דעם מויל האָט זיין קבר צעפּראַלט . . .

לויפט כוואַליעס אַהין, וואו די פאָן פלאַטערט רויט,
דערציילט: אונזער ליבער טשאַפּאַיעוו איז טויט!
זאָל בלוטיקער ברענען אַף פעלדער די שלאַכט,
ביז אָפּגעווישט ווערן וועט פינצטערע מאַכט!
אוראַל, אוראַל, דו טייך אוראַל!
עס דונערט אַ מעכטיקער קנאַל!

חיים שווארץ

דאָס מאַטראָסן ליד

רוסיש — א. מיאַסאָיעדאָוו.

ווי הויך באַפעסטיקט דער מאַטראָס
די שטאָלצע זעגל פון זיין שיף;
עס בלאָזט דער ווינט און טראָגט אין ווייט
די לידער איבער ים'ען-טיף.

צוזינג:

רוישט דער ווינט און רייסט די שטריק,
כוואַליעס טראָגן,
העי,
כוואַליעס טראָגן!
וואָס איז טויט? אין קאַמף איז גליק!

דעם שונא — טויט און וויסטע שאַנד
זאָל ברענגען אונזער דרייסטע האַנט,
און הילכן זאָל ביז ווייטסטן ברעג:
מאַטראָסן ווייסן ניט פון שרעק!

צוזינג:

רוישט דער ווינט און רייסט די שטריק,
כוואַליעס טראָגן,
העי,
כוואַליעס טראָגן!
וואָס איז טויט? אין קאַמף איז גליק!

דער הייליקער קריג

רוסיש — וו. ליעבעדיעוו-קומאטש.

שטיי אויף, אַ, לאַנד, דו מעכטיקע,
פאַרוים אין גרויסער שלאַכט!
דעם שונא דעם פאַשיסטישן
דערשלאָג איצט מיט דיין מאַכט!

צווינג:

זאָל גרויסער צאָרן אויפברויזן
ווי שטורעמדיקער ים:
עס איז אַ קריג אַ הייליקער
פאַר אונזער פאָלק און שטאַם.

ווי פּאָליוסן פארשידענע —
די וועגן און דער ציל:
מ י ר ווילן ליכט, גערעכטיקייט,
דער שונא — חושך וויל.

דעם פיינט פון אלע אמת'ן,
פון מענטשן-אידעאל —
זאָל טרעפן אונזער העלדישער
און פייערדיקער קנאַל.

ניט וואגן זאָל ער ווייזן זיך
אַף אונזער מוטער-ערד;
דער מערדער דער פאַרגוואַלדיקער
זאָל פאַלן אונטער שווערד!

ח י י ם ש ו ו א ר ץ

די נאַצי־שלאַנג צעשמעטערן
זאָל אונזער הייסע קויל:
צעפּליקן און צעלעכערן
די רויבער־פּאַן פון גרויל!

איז מיטן האַרץ מיט גאַנצענעם,
און מיט געשטאָלטער האַנט —
פאַר אונזער ערד דער טייערער
פאַר ליכטיקן פאַרבאַנד!

אַלע פאַר איינעם, און איינער פאַר אַלע

אלעקס דזשאראוו.

עס פלאַקערט אונזער לאַנד אין ברען פון שלאַכטן,
דורך טאָג און נאַכט מאַרשירן מיר אין וועג;
מיר וואַרפן זיך מיט ווילן איינגעשפּאַרטן
אַנטקעגן פיינט אין פלאַמיקן געשלעג.„
צוזינג:

מיר היטן דרייסטער אונזער לאַנד איניינעם,
מיר וואַכן איבער גאַנצער לענג און ברייט;
מיר שווערן: אַלע זיינען מיר פאַר איינעם
און יעדער איינער איז פאַר אַלע גרייט!

און וואָס עס זאָל דער מאָרגן אונז ניט ברענגען, —
מיר גיבן אַלץ פאַר אונזער פרייען לאַנד;
פון אונזער לייב און לעבן, וואָס מיר שענקען,
גייט אויף אַ שטאַרקע, אייזן־פעסטע וואַנט.

פון אומעטום געשטאָלטע רייען שטראָמען,
פאַר ליבער היים מיר לאָזן זיך אין קריג:
עס לויכט פאַרויס דעם פירערס העלער נאָמען,
און זיכער זיינען מיר אין אונזער זיג.

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

שנעלער שפּאַן!

רוסיש — ס. אַלימאָוו.

האָט אַ רוף צום קריג זיך ווייט צעטראָגן,
איז אַרוים אין שלאַכט-פעלד די אַרמיי:

צוזינג:

עך, שנעלער שפּאַן!
פרייליכער, דו קעמפער, גיי!
אין שלאַכט מיט פיינט
זיגן וועט די רויט-אַרמיי.

שטאַרקן מוט און כח מיר פאַרמאָגן —
הינטער אונז דאָס פאָלק דאָס גאַנצע שטייט.

ס'איז ניט גרינג די שונאים בייצוקומען,
נאָר פאַרניכטן וועט זיי אונזער שווערד.

ס'האָט זיך היטלער געגן אונז פאַרנומען
וועלן מיר אים טרייבן פון דער ערד!

די פאַשיסטן וועלן מיר צעברעכן,
ס'וואַרטן קברים בלויז אַף זיי אין קריג!

טימאָשענקאָ האָט אונז גוט געלערנט,
זיינען מיר איצט זיכער אינם זיג.

ס'האָט אַמאָל אַף אונז, צוריק מיט יאָרן,
זיך פאַרמאָסטן אויך נאַפּאָליעאָן:

האָבן מיר אויך דאַן זיך ניט פאַרלאָרן
נאָר מיט גאַנצער קראַפט אַ זעץ געטאָן!

די פאַשיסטן-באַנדעס וועלן מיר צעשלאָגן,
אונזער קעמפער זיכער איז און גלויבט ;

און מיט גלויבן שטאָלענעם מיר זאָגן :
פונם שונא וועט פארבלייבן שטויב !

אונזער היימלאנד טייערע באַשיצן
וועלן מיר — געפאַנצערטע מיט מוט.

מירן פארן לאַנד און ליבן סטאַלין
שלאָגן זיך ביז לעצטן טראָפן בלוט !

צוזינג :

עך, שנעלער שפּאַן !
פריילעכער, דו קעמפער, גיי !
אין שלאַכט מיט פיינט
זיגן וועט די רויט-ארמיי !

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

דאָס ליד וועגן סטאַלינען

פון רוסיש.

1

איבער פעלד, איבער וואַלד,
טראָגט זיך מונטער און שאַלט
דאָס צעברויזטע געזאַנג פון סאָוועטן!
און אין יעדעס ליד לעבט,
איבער יעדעס ליד שוועבט
סטאַלינס ליכטיקער, פריידיקער נאָמען.

צוזינג:

אין דער לענג, אין דער ברייט פון סאָוועטישער ערד
טיף אין הארצן מיר טראָגן דיין נאָמען;
אומעטום ווערט דיין רוף צו די פעלקער דערהערט—
איבער בערג, איבער ימיקע תהומ'ען.

2

ס'איז געוואַגט אונזער טראָט
איבער דאָרף איבער שטאָט,
ס'וועט דער שונא אונז קיינמאָל באַזיגן!
אונזער זוניקע פראַכט
וועט צעשניידן די נאַכט
און אין זיגרייכע כוואַליעס זיך וויגן!

3

אונזער פאָלק וועט אין קריג
דרייסט פאָרויסגיין צום זיג
אונטער הילך פון צעברויזטע קאַנאָנען;

סטאַלין שטאַרקט אונזער מי,
אונזער אָדלערשן פלי
און דעם שטאַלענעם דראנג פון מיליאָנען!

צוזינג:

אין דער לענג, אין דער ברייט פון סאָוועטישער ערד
טיף אין הארצן מיר טראָגן דיין נאָמען;
אומעטום ווערט דיין רוף צו די פעלקער דערהערט—
איבער בערג, איבער ימיקע תהומ׳ען.

ח י י ם   ש ו ו א ר ץ

דאָס ליד וועגן וואָראָשילאָוו

רוסיש — אַ. קאָליטשעוו.

שפּאַנען דרייסטע עשאַלאָנען,
שפּאַנען דרייסטע עשאַלאָנען,
ס׳ציט זיך ווייט דער ברייטער וועג, —
ס׳האָט דער קאָמאַנדיר באַפוילן!
קוקט צום דאָן אַ יונג אַ וואוילער:
שיידט זיך שטיל מיט בלויען ברעג.

וואָראָשילאָוו, ביזט אין פייער
אונזער הארץ געוואָרן טייער;
אונז פארבונדן האָט די שלאַכט.
ס׳וועט דער שונא לאַנג געדענקען
און עס וועט אים בלוטיק קרענקען
אונזער דונערדיקע מאַכט.

טעג און נעכט ארום צאַריצין
באַיאָנעטן וועלן בליצן
אינם בלוטיקן געשלעג;
ס׳איז קיין רעגן ניט פאַראַנען
וואָס זאָל בלוט פון פּארטיזאַנען
קאָנען אָפּוואַשן פון וועג...

הערסטו דעם רוף, מיין פריינט ?

פון שפּאַניש.

1

הערסטו דעם רוף, מיין פריינט ?
ס׳קלינגט איבעראַל :
ס׳טראָגט זיך פון שטאָט און דאָרף
מעכטיקער שאַל.

עס שטורעמט מיט העלדן־מוט
ס׳גאַנצענע לאַנד :
לאָמיר צוזאַמען גיין,
גיכער מיר גיב דיין האַנט !

דרייסטער צום זיג !
פאָרויס, ברידער,
דרייסטער צום זיג !

2

שטיי ניט פון וויטן איצט, —
רייף איז די צייט ;
טאָג פון צערעכענונג
איז שוין ניט ווייט.

אויסברענען מוזן מיר
בלוטיקע שאַנד !
לאָמיר צוזאַמען גיין,
גיכער מיר גיב דיין האַנט !

דרייסטער צום זיג !
פאָרויס, ברידער,
דרייסטער צום זיג !

3

בייז איז דער פיינט און שטאַרק,
קריצט מיט די ציין.
לאָמיר צעשמעטערן
שונא׳ס געביין!

ס׳הויבן זיך פעלקער אויף,
ברעכן די וואַנט!
לאָמיר צוזאַמען גיין,
גיכער מיר גיב דיין האַנט!

דרייסטער צום זיג!
פאָרויס, ברידער,
דרייסטער צום זיג!

דאָס ליד וועגן טימאָשענקאָ

רוסיש — ע. ריווינא.

1

עך, די רייטער טראָגן זיך
איבער דאָן;
קלאַפּט קאַליעדינס באנדעלע
צאָן אן צאָן.

טראָגט א קלאנג זיך אַף קובאַן
צווישן פאָלק:
טימאָשענקאָ פירט אין שלאַכט
קרימער פאָלק.
פירט דער בראַווער טימאָשענקאָ
העלדישע ארמיי.
צוזינג:

פאָנען ווייען איבער רייען;
מירן ווייזן, וואָס מיר קאָנען
אין צעפלאַמטן טאָג:
בראַווער פירער טימאָשענקאָ,
בייזן שונא שלאָג!

2

האָט אונזער דיוויזיע
א „קאָמדיוו",
לייגט ער אַלע שונאים'לעך
איילן טיף.

לאָזן פלינקע פערדלעך זיך
אין געיעג, —
ברעכן אַלע צאָמען זיך
אַפן וועג.
פירט דער בראַווער טימאָשענקאָ
העלדישע ארמיי.
צוזינג:

3

ניט דיווערבעס בוקן זיך
שטום-פאַרקלערט:
פּאַנסקע קעפּ זיי בויגן זיך
צו דער ערד.

ווי אריין איז חברה נאָר
אינם דאָרף
טוען יונגען אַף די פערד
זיך אַ וואָרף.
פירט דער בראַווער טימאָשענקאָ
העלדישע ארמיי.
צוזינג:

4

טראָגט זיך העלע פרייד
איבער פרייער ערד,
און פון ברעג צו ברעג דאָס לאַנד
לידער הערט:

ווי עס וואַקסט מיט יעדן טאָג
אונזער מאַכט,
ווי עס פירט דער מארשאל אונז
אין דער שלאַכט.

פירט דער בראַווער טימאָשענקאָ
העלדישע ארמיי.
צוזינג:

די פֿאַראייניקטע פֿעלקער

ענגליש — העראָלד דזש. ראָום.

עס טראָגט זיך אַ ליד צו די שטערן,
אַ מעכטיק געזאַנג פֿון דער ערד;
עס זינגען די פֿעלקער און שווערן:
דער שונא מוז ווערן צעשטערט!

צוזינג:

פֿאַראייניקט גייען מיר אין קריג,
מיט מוט באַזעלט;
צוזאַמען קעמפֿן ביז אַ זיג,
אַ פֿרייער וועלט.

איר, פֿעלקער, וואָס ליגן געבונדן
אין קייטן פֿון נאַצישער מאַכט, —
מיט פֿלאַם פֿון נקמה צעצונדן
זאָל ווערן די פֿינצטערע נאַכט.

ווי ס'העלט אויף די זון אין פֿרימאָרגן,
ווי ס'פֿליסן די טייכן צום ים, —
וועט אויפֿגיין אַ לעבן אָן זאָרגן
פֿאַר קינדער פֿון מענטשלעכן שטאַם.

אינהאַלט

1.—דער גרויסער געראַנגל

די פען—מיין שווערד — — — — — — — — 3
סטאַלינגראַד — — — — — — — — — 5
דאָס ליד פון נקמה — — — — — — — — 7
אַליאָשאַ שענקאָ (פּאָעמע) — — — — — — 11
„בארס" (פּאָעמע) — — — — — — — — 17
אונזער לאַנד איז אין קריג — — — — — — 21
ברוכוואַרג — — — — — — — — — 24
דאָס ליד פון פּליכטלינגען — — — — — — 29
אונזער פאָלק רופט — — — — — — — — 33
בריוו פון באַפרייטע אידן — — — — — — 35
מיין שטעטעלע בערעזין — — — — — — — 37
דו פון דאָרטן, איך—פון דאַנען — — — — — 40
שפּאַניע — — — — — — — — — 42
פון די ווייטסטע ווינקלען יאָגן — — — — — 44
זייגער, זאָג — — — — — — — — — 45
די וועלט איצט — — — — — — — — 46
זינג, הארץ, זינג — — — — — — — — 48

2.—אין שעה'ען פון לאַסטן

אין שעה'ען פון לאַסטן — — — — — — — 51
דאָס ליד פון פארבער — — — — — — — 53
באַטאָג און ביינאַכט — — — — — — — 56
משה-יאָסל (פּאָעמע) — — — — — — — 58
צו אַ מיידל — — — — — — — — — 62
אַ שאַפּ אידיליע — — — — — — — — 64
מיין הארץ אַנטקעגן וועלט — — — — — — 66
צו אַ דיכטער — — — — — — — — — 67
בא ראַנד פון טאָג — — — — — — — — 69
און קומען א צייט וועט — — — — — — — 70

3.—באַם ברעג פון מיסיסיפּי

באַם ברעג פון מיסיסיפּי — — — — — — — — 73
סט. לואיס — — — — — — — — — — — 77
שפּיטאַל־לידער — — — — — — — — — 79

4.—מיט קינדערשע טריט

באַ די קינדערשע בעטלעך — — — — — — — 85
איציקל (פּאָעמע) — — — — — — — — 87
אונזער שול — — — — — — — — — 91

5.—איבערזעצונגען

דאָס ליד פון היימלאַנד — — — — — — — 95
מאָסקווע — — — — — — — — — — — 97
עך, איבער וועגן — — — — — — — — 100
דאָס ליד פון קאָזאַקן — — — — — — — 101
דעלאָ — — — — — — — — — — — 102
דאָס ליד פון בורלאַקעס — — — — — — 103
דאָס ליד פון פּאַרטיזאַן — — — — — — — 104
דער טויט פון טשאַפּאַיעוו׳ן — — — — — — 106
דאָס מאַטראָסן־ליד — — — — — — — 107
דער הייליקער קריג — — — — — — — — 108
אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע — — — — 110
שנעלער שפּאַן — — — — — — — — — 111
דאָס ליד וועגן סטאַלינען — — — — — — — 113
דאָס ליד וועגן וואָראָשילאָוו׳ן — — — — — 115
הערסטו דעם רוף, מיין פריינט — — — — — 116
דאָס ליד וועגן טימאָשענקאָ — — — — — — 118
די פאַראייניקטע פעלקער — — — — — — 120